# **פרשת במדבר - נשא כ"ח אייר – י"ב סיון תשע"ח לפ"ק**

***יום ראשון פרשת במדבר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל** (ברא"ש) **פייערווערקער** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אפרים קאהאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** די הרחמן'ס וואונטשט מען אן די עלטערן, 'הרחמן הוא יברך אבי הילד ואמו, ויזכו לגדלו ולחנכו ולחכמו', זיי זאלן זוכה זיין מחנך צו זיין דאס קינד, ולחכמו בחכמת התורה. 'מיום השמיני והלאה', פון דעם אכטן טאג און ווייטער, 'ירצה דמו', זאל ווערן אנגענומען זיין דם פארן אייבערשטען, 'ויהי ה' אלקיו עמו', און דער אייבערשטער זאל זיין מיט אים שטענדיג. די וואך איז די יארצייט פונעם **אהבת ישראל זי"ע**, מען זאגט נאך, אז אמאל ווען דער **אהבת ישראל האט** געענדיגט דעם סדר, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט, 'מיר האבן ב"ה געהאט א כזית מצה, א כזית מרור, און א כזית אפיקומן, פון וואו נעמט מען א כזית נרצה'. מען וואונטשט אן פארן קינד מיום השמיני והלאה ירצה דמו, ער זאל אויך האבן א נרצה, אז ער זאל זיין מרוצה פארן אייבערשטען.

**מען** זאגט מיום השמיני והלאה ירצה דמו, ווען א קינד ווערט געבוירן, איז א שמחה פאר יעדן איינעם, אבער מען ווייסט נאכנישט וואס מיט דעם קינד וועט זיין. ווי אזוי ער וועט זיך אויסשטעלן. נישט יעדע קינד איז א ברכה פאר די עלטערן, מען דארף האבן סייעתא דשמיא אז מען זאל קענען מגדל זיין א קינד. ווען מען מל'ט א קינד, דאס איז דער ערשטער טאג וואס מען ברענגט אריין דאס קינד אין א קדושה, און אין גאר א דערהויבענע קדושה, וואס מיט קדושת ברית קען מען צוקומען צו חכמת התורה, און אזוי ווייטער. ביז מען האט נישט גע'מל'ט דאס קינד, איז נאכנישט מרוצה זיין דם, מען ווייסט נאכנישט וואס פון דעם דם וועט זיין. ווען מען מל'ט א קינד, און מען האט אים שוין געגעבן די געלעגענהייט ער זאל קענען וואקסען און שטייגען, דאס איז די אמת'דיגע לידה פונעם קינד.

**עס** שטייט ביי יוסף (בראשית נ-כג), ויראו יוסף לאפרים בני שלשים, גם בני מכיר בן מנשה ילדו על ברכי יוסף. און דער תרגום יונתן זאגט, אז מען האט זיי גע'מל'ט על ברכי יוסף. ער רופט עס אן 'ילדו', אז זיי זענען געבוירן געווארן על ברכי יוסף, זיי זענען דאך נאר גע'מל'ט געווארן על ברכי יוסף. נאר די חשיבות פון די לידה איז נישט דער טאג וואס מען איז געבוירן געווארן. די חשיבות פונעם לידה איז, ווען מען איז מכניס דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, יעצט אז ער האט די מעגליכקייט צו וואקסען א תלמיד חכם, און א ערליכער יוד, יעצט ווערט געוערכנט די חשיבות פון זיין לידה. ער איז געבוירן פריער, אבער די לידה פון פריער האט נישט קיין חשיבות.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (בדרשות קעט.), אז די גמרא (ר"ה יא.) זאגט, אז הקב"ה איז ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום, אין דעם טאג וואס זיי זענען געבוירן, איז דער אייבערשטער ממלא זייערע יארן ביז זיי גייען אוועק פון די וועלט. זאגט דער **חתם סופר**, אז דאס גייט נישט ארויף אויף דעם טאג וואס מען איז געבוירן, אז אין דעם טאג איז דער אייבערשטער ממלא שנותיהם של צדיקים, נאר אינעם טאג פונעם ברית. די לידה איז נישט דער טאג וואס מען ווערט געבוירן, נאר די לידה איז א וואך שפעטער, ווען עס איז דער ברית. און דער **חתם**

**סופר** גיט צו, אז וועגן דעם געפונט מען ביי המן, אז ער האט זיך געפריידט אז עס איז געפאלן דער פור אין חודש אדר, ווייל עס איז א חודש שמת בו רבן של ישראל. אבער ער האט נישט געוואוסט אז בז' באדר נולד משה, און בז' באדר מת משה. זאגט דער **חתם סופר**, פארוואס אז בז' באדר מת משה האט ער יא געוואוסט, אבער אז בז' אדר נולד משה האט ער נישט געוואוסט. ער האט נישט געוואוסט אז הקב"ה איז ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום? זאגט דער **חתם סופר**, אז המן האט געמיינט, אז דאס וואס דער אייבערשטער איז ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום, גייט ארויף אויפן ברית, און אז משה רבינו איז געבוירן ז' אדר, איז די ברית געווען י"ד אדר. און אז ער איז געבוירן י"ד אדר, און ער איז געשטארבען ז' אדר, איז נישט כדאי דער יום הלידה אז עס זאל מכפר זיין אויפן יום המיתה. זאגט אבער דער **חתם סופר**, אז משה רבינו איז נולד מהול, ותרא אותו כי טוב הוא (שמות ב-ב), קומט אויס, אז ז' אדר איז ער נולד מהול, ער איז שוין געבוירן געווארן מיט קדושת מילה, און דאס האט ער נישט געוואוסט, אז בז' באדר נולד משה, ובז' באדר מת משה.

**על** כל פנים, די לידה פונעם קינד איז נישט ווען ער ווערט געבוירן, נאר די לידה פון א קינד איז, ווען מען טוט אים געוואוינען, ער זאל קענען אריינגיין אין קדושה פון א יוד, דאס איז דער טאג וואס ער ווערט געבוירן. און אויף דעם בעהט מען, מיום השמיני והלאה ירצה דמו, די דם פונעם קינד איז נישט נרצה בשעת מען איז געבוירן געווארן, נאר מיום השמיני והלאה, דאס ערליכקייט צו שטייגען און אויסוואקסען, זאל פון יעצט אן ווערן באוויליגט פארן אייבערשטען, ויהי ה' אלקיו עמו.

*

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו. אחר שנשמעו דברי ברכה על ידי המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע עלטערן און חשובע זיידעס, די קינדער האבן אנגעהויבן צו לערנען היינט חומש, כי הם חיינו ואורך ימינו, עס איז די גליק פון יעדן איד, אז מען זעהט א המשך הדורות, ווי די קינדער און אייניקלעך זענען ווייטער ממשיך צו לערנען תורה. מען רעדט דא צו יודען פונעם פריער'דיגן דור, וואס אין די טעג איז געווען די גזירות אויף אונזערע קהילות, וואו עס זענען אוועקגעריסן געווארן א גרויס חלק פון כלל ישראל. עס איז נישט דא קיין איינער פון אונז וואס האט נישט פארלוירן דארטן זיידעס און באבעס, עס האט אויסגעקוקט ווי די וועלט גייט אונטער. ב"ה, מען האלט איבער זיבעציג יאר שפעטער, און ב"ה אז דא אין אמעריקא, איז מען מחנך קינדער זאלן ווייטער ממשיך זיין בדרכי התורה. איז עס א געוואלדיגע שמחה ביי יעדן איינעם.

**רש"י** ברענגט צו די וואך אנהייב פון די פרשה, (במדבר א-א) אז מען האט געציילט יודען, מתוך חיבתן של ישראל ביים אייבערשטן, טוט דער אייבערשטער ציילן די יודישע קינדער. וואס איז די חיבה אין דעם, אז מען ציילט יעדן יוד עקסטער. עס איז פאראן אמאל א מענטש, וואס ווען ער איז צופרידן פון א זאך, איז ער צופרידן אלגעמיין, אבער ער קען נישט זאגן, אז ער איז צופרידן מיט יעדן פרט וואס איז דא אינעווייניג. ווען מען טראגט אים אן צו קויפן א הויז, אדער ער האט א הויז וואו ער וואוינט, אין כלליות איז ער זייער צופרידן מיט די געגענט, ער איז צופרידן מיט די הויז, מיט די אויסשטעל, מיט אלעם, אבער נישט שטענדיג וועט ער זאגן, אז ממש יעדע שטוב וואס איז דא, איז ער צופרידן אז עס איז אזוי אויסגעשטעלט. אוודאי ווען ער מאכט זיך דעם חשבון, אין כללות איז עס גוט, אפילו מען דארף אמאל מוותר זיין אויף עפעס א קלייניגקייט, רופט ער עס אן, אז עס איז גוט, און עס איז א גוט געשעפט, און ער גייט אריין דערין.

**א** מענטש מאכט אויך אמאל אזא חשבון פאר זיך אליין. בכלליות בין איך גאנץ א וואוילער יוד, איך לערן, איך דאווען, איך פיר א יודישע שטוב, איך עס כשר'ס, איך בין מחנך מיינע קינדער. אבער ווען מען גייט אריין אין פרטיות, ווי אזוי דאס דאווענען קוקט אויס, ווי אזוי די לימוד התורה קוקט אויס וכדומה, דארט קען ער זיך שוין אפשטעלן אויף יעדע נקודה, צי עס איז טאקע אזוי ווי עס וואלט געדארפט צו זיין. עס איז דא א ווארט פון פריער'דיגע צדיקים, והפשט את העולה ונתח אותה לנתחיה (ויקרא א-ו), 'עולה' איז א לשון פון גיאות, א מענטש דערהייבט זיך, ער שפירט זיך גוט, ער איז זיך מחשיב. 'והפשיט את העולה', א מענטש זאל אוועקנעמען פון זיך דעם עולה, דאס וואס ער קוקט זיך אן, אז בכלליות איז ער א וואוילער איד, 'ונתח אותה לנתחיה', צושנייד עס אויף שטיקלעך, לאמיר זעהן א יעדע זאך פאר זיך אליין, צו עס איז טאקע אזוי ווי עס דארף צו זיין.

**מען** געפונט ביי בלעם ווען ער האט געוואלט שעלטן יודען, האט אים בלק געזאגט, איך וועל דיך נעמען אויף א פלאץ וואס דו וועסט נאר זעהן א חלק פון יודען, וכולו לא תראה (במדבר כג-יג), ווען דו וועסט קוקן אויף 'כולו', אויף די גאנצע בילד פון כלל ישראל, 'לא תראה', איז נישט דא וואס צו שעלטן, זיי זענען שענער פון אלע פעלקער. בכלליות זענען יודישע קינדער דאס שענסטע פאלק וואס איז דא אויף די וועלט, ועמך כולם צדיקים. ווען מען גייט אבער אריין בפרטיות, דעמאלטס קען מען זיך שוין דינגען. ווען ער האט געוואלט שעלטן יודען, האט ער געזאגט, קוק נישט אויף כולו, קוק נישט אויפן גאנצן בילד צוזאמען, כלך יפה רעיתי, ומום אין בך (שיר ד-ז), ווען מען קוקט 'כלך', ווען מען קוקט אויפן גאנצן בילד, איז יפה רעיתי, זענען מיר שיין, ומום אין בך, און עס איז נישט דא ביי אונז קיין מום. איך וועל דיך נעמען אויף אזא פלאץ וואס דו וועסט נישט זעהן גאנץ כלל ישראל, דעמאלטס וועט זיין א מקום וואו עס זאל קענען חל זיין א קללה.

**אמאל** קען זיין אז כלל ישראל איז נישט שיין, אבער דער אייבערשטער איז מחשיב כלל ישראל, ווייל די בילד פון אינדרויסן איז, אז דאס איז א שיין פאלק. ווען מען זאל נעמען יעדן איינעם פאר זיך אליין, זיינע מעשים, האט ער נישט דעם חשיבות. דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל ציילן יעדן יודן עקסטער, דאס איז א לשון חיבה. דו זאלסט וויסן, אז איך בין צופרידן פון יעדן איד וואס איז אין כלל ישראל, איז ביי מיר עקסטער א דבר חשוב, און איך בין מחשיב יעדן איינעם. נישט אז איך בין אריינגעפאלן אין כלל ישראל, איך בין נאך איינער פון זיי, דער אייבערשטער האט געהייסן אז יעדער דארף אדורכגיין משה רבינו, און משה רבינו זאל יעדן איינעם אנקוקן, ווי דער **רמב"ן** (במדבר א-מה) זאגט, און יעדן איינעם ציילן עקסטער, צו ווייזן די חשיבות פון יעדן יוד עקסטער.

**א** מלמד איז אסאך מאל נישט צופרידן מיט זיין קלאס וואס ער האט. ווען מען פרעגט אים, צו דו האסט א גוטע קלאס? זאגט ער יא, אבער נישט אייביג מוז עס מיינען אז ער איז טאקע צופרידן, און עס איז טאקע אלעס אזוי גוט ווי עס דארף צו זיין, און יעדעס קינד איז מצליח. אבער אז ער קוקט אין כלליות, זאגט ער, אז עס איז גוט. די עבודה דארף צו זיין, וויסן אז יעדעס קינד עקסטער, איז א עולם מלא פאר זיך. יעדע קינד פאר זיך, ציילט מען עקסטער. און וויסן, אז פון יעדן קינד דארף מען ארויסברענגען די מאקסימום וואס דאס קינד קען ארויסברענגען פון זיך.

**ב"ה** די מנהלים פון דעם מוסד, און די מלמדים פון דעם מוסד, טוען באמת א געוואלדיגע עבודת הקודש. עס קומט נישט אן גרינג, מען דארף עפרישיעט"ן וואס די מלמדים טוען היינט מיט די קינדער. עס איז א שווערער זמן, א שווערער דור, וואס איז אנגעפולט מיט אזויפיל אנדערע זאכן, און ווינסשאפטן. א קינד וואס דארף קומען צום לערנען, און זיך אריינלייגען אין תורה, איז דער קאפ אסאך מאל נישט דארטן, און מען דארף זיך פלאגן, ווי חשוב איז די עבודת הקודש וואס מען טוט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת פון די קינדער און די אייניקלעך, מען זאל זיי קענען מחנך זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די מלמדים און די מנהלים און אלע וואס טוען זייער עבודת הקודש זאלן האבן הצלחה ווייטער אויך. די קינדערלעך זאלן קענען וואקסן מיט אזא ערליכקייט, מיט אזא תמימות, מיט אזא טהרה. מען האט אנגעהויבן צו לערנען פרשת ויקרא, יבואו טהורים ויתעסקו בתורה, מען זאל קענען בלייבן מיט די טהרה כל ימי חייהם. און אינאיינעם זאלן מיר זוכה, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל כתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **יוסף צבי קאהן** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל כתיבת ספר תורה שנכתבה ע"י הר"ר **יצחק** (בר"ש) **ווייס** הי"ו, והוכנס לבית מדרשנו בחג השבועות העעל"ט. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר השלמת כתיבת כל האותיות, עשה **רבינו שליט"א** הגבה, ורקד עם הספר תורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קע"ג סעיף א') בבית מדרשנו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל** (בהר"ש) **פייערווערקער** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**דער** מדרש (במדב"ר א-א), ברענגט צו א פסוק (תהלים לו-ז) צדקתך כהררי אל, משפטיך תהום רבה. דער **חתם סופר** (בדרשות רצד.) זאגט פשט אין דעם פסוק, דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן דעם בארג סיני, צו געבן די תורה. אין די גמרא (סוטה ה.) שטייט, אז א יוד דארף זיך אראפלערנען די מדה פון ענוה פונעם רבונו של עולם. דער אייבערשטער וואס איז דאך דער גרעסטער אויף די וועלט, בשעת ער האט געגעבן די תורה פאר יודען, האט ער זיך אויסגעקליבן דעם קלענסטן בארג וואס איז געווען, דעם הר סיני, דער נמוך שבהרים, כדי אונז צו לערנען די מדה פון ענוה, מען זאל זיך נישט האלטן גרויס. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אויסער דעם בארג סיני האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן נאך א בארג, דעם הר המוריה, וואס דארט האט מען געבויט דעם בית המקדש. דער הר המוריה איז נישט קיין קליינער בארג, ארץ ישראל איז גבוה מכל הארצות (זבחים נד:), און דער בית המקדש האט מען אויסגעקליבן צו בויען אויף גאר א הויכער בארג, וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ה' אלקיך בו (דברים יז-ח). אויב פארן אייבערשטען איז חשוב ענוה, פארוואס האט ער אויסגעקליבן דעם מקום פונעם מקדש, אז עס זאל זיין אויף א הויכן בארג?

**זאגט** דער **חתם סופר**, ווייל א יוד דארף האבןביידע מדות. פון איין זייט דארף מען האבן די מדה פון ענוה, און פון די אנדערע זייט שטייט (דבה"י ב יז-ו) ויגבה לבו בדרכי ה'. אמאל איז דא וואס מען דארף לייגן די ענוה אין דער זייט. ווען עס קומט צו טון עבודת ה', צו דינען דעם אייבערשטן, און א מענטש וועט זאגן, וואס איז מיין עבודה חשוב, וואס איז ווערד וואס איך טוה, דארף מען וויסן, אז מיר האבן א נשמה וואס איז א חלק אלקי ממעל, דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן, און יעדע זאך וואס א יוד טוט, מאכט א רושם בגבהי מרומים. ווען עס קומט צו עבודת ה', דארף מען זיך אויסקלויבן די מדה פון ויגבה לבו בדרכי ה'. - זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, 'צדקתך', די צדקה וואס א יוד טוט, די ערליכקייט, דארף זיין 'כהררי אל', ווי ביידע בערג. פונעם בארג סיני דארף מען זיך אראפלערנען די מדה פון ענוה, און פונעם הר המוריה דארף מען זיך אראפלערנען די מדה פון ויגבה לבו בדרכי ה'.

**וואס** מען קען צוגעבן דערצו, צו תורה האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן א קליינעם בארג, און

צו עבודת ה' האט ער אויסגעקליבן א הויכן בארג. ווען עס קומט צו תורה, דארף מען האבן ענוה. כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה (אבות ו-ד), מען דארף לערנען תורה מיט צובראכענקייט. אבער צו טון אן עבודה פארן אייבערשטן, אז א מענטש וועט צוגיין צובראכענערהייט צו טון די עבודה, וועט ער נישט האבן אין זיך די מוט דאס צו טון. צו טון די עבודה פונעם אייבערשטן, האט דער באשעפער אויסגעקליבן אז דער בית המקדש זאל זיין אויף א הויך פלאץ, ויגבה לבו בדרכי ה'.

**די** וועלט דערציילט אויפן הייליגן **דברי חיים**, דער **צאנזער רב זי"ע**, אז ער איז אמאל געזעסן און געשמוסט מיט א אדם גדול, און אינמיטן איז אריינגעקומען א ידיעה, אז דער **צמח צדיק**, **רבי מענדעלע וויזשניצער זי"ע** איז געקומען אויף א באזוך. האט זיך דער הייליגער **צאנזער רב** אויפגעהויבן, און ער איז ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם **צמח צדיק**, און ער האט איבערגעלאזט דעם אדם גדול אין שטוב. און מען האט עס אנגעקוקט ווי א שטיקל פגיעה אקעגן דעם גדול וואס איז געזעסן דארטן, אז דער **צאנזער רב** האט אים איבערגעלאזט, און ער איז ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין **ר' מענדעלע וויזשניצער**. און מען האט עס פארגעהאלטן פארן **צאנזער רב**. האט **צאנזער רב** געזאגט, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה אויפן בארג סיני, איז דאך דער בארג סיני געווען א חשובער בארג. פארוואס ווען מען האט געדארפט בויען דעם בית המקדש, האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן דעם הר המוריה צו בויען דעם בית המקדש, ער האט דאך געהאט א חשובן בארג, דעם בארג סיני? האט ער געזאגט, אבער דער הר המוריה האט געהאט א מעלה, אז דארט האט אברהם געברענגט זיין קינד יצחק אויף די עקידה. און א פלאץ וואו א יוד שטרעקט זיך אויס דעם האלדז פארן אייבערשטן, האט ביים אייבערשטן א גרעסערע חשיבות ווי א מקום תורה. הר סיני איז געווען דאס פלאץ וואו מען האט געגעבן די תורה, אבער הר המוריה איז געווען א פלאץ פון מסירת נפש, וואס אברהם האט געברענגט יצחק אויף די עקידה. ווען דער אייבערשטער האט געדארפט רוהען, האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן דעם פלאץ ווי עס איז דא מסירות נפש. האט דער **צאנזער רב** ארויסגעברענגט, דער איז טאקע א גדול בתורה, אבער די מעלה וואס **רבי מענדעלע וויזשניצער** האט, וואס זיין עבודה איז מיט מסירת נפש פארן אייבערשטן, איז א העכערע מעלה ווי די עבודה פון בארג סיני.

**צדקתך** כהררי אל, די צדקה פון א יוד דארף זיין אזוי ווי ביידע בערג. פון איין זייט דארף מען מקבל זיין עול תורה אזוי ווי עס איז געווען ביים בארג סיני, און פון די אנדערע זייט דארף מען וויסן, אז מען דארף האבן מסירת נפש וואס עס לערנט אונז דער הר המוריה, וואס אברהם האט געברענגט יצחק דארט אויף די עקידה. 'צדקתך', די צדקה פון א יוד דארף זיין, 'כהררי אל', ווי ביידע בערג, דער הר המוריה מיטן הר סיני.

**דער** חשוב'ער בר מצוה בחור גייט אריין לעול התורה והמצות, ער איז מקבל אויף זיך עול תורה, דארף מען געדענקען ויגבה לבו בדרכי ה'. מען קען אמאל טראכטן, איך בין נאך א קליין יונגל, נעכטן בין איך געווען פטור פון אלע מצות, און היינט דארף איך אנהייבן מקיים זיין אלע מצוות. וואס איז חשוב מיינע מצות וואס איך טוה? ווען עס קומט צו עבודת ה', דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה', זיך גרויסהאלטן, און וויסן די מעלה וואס מען האט, א נשמה א חלק אלקי ממעל, און עס אויסנוצען אויף א ערליכן וועג, צו תורה און עבודת ה'.

*

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לאולם הסמוך והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יהושע הערש פריעדמאן** הי"ו.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **משה מנחם אדלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **זלמן לייב בוכינגער** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז.

*

***יום שני פרשת במדבר***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בניו דזשערסי (לרגל היומא דהילולא ביום ערב שבועות הבעל"ט). **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

משם נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להשתתף אצל שמחת הבר מצוה של נכדו הבחור בנש"ק **יהושע** ני"ו בן הרה"ג רבי **יואל ווייסמאנדל** שליט"א חדב"ן, בן **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**, שהתקיים באולם ישיבת וויזניץ. במשך הבר מצוה עברו המוני אנשי שלומינו לאחל ברכת מזל טוב, לרגל השמחה הרוממה.

בסעודת הבר מצוה נשאו דברים אבי הבר מצוה **הרה"ג רבי יואל שליט"א**, הסב **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**, והבחור הבר מצוה דרש בסוגיא דהנחת תפלין (מנחות לו.). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לרגל השמחה, משולב בדברי הכנה לקבלת התורה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ווען** דער אייבערשטער האט גענענדיגט צו געבן די תורה פאר יודען, זאגט דער פסוק (שמות כ-יט), אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם, עטץ האטס געזעהן, אז איך האב גערעדט צו ענק פון הימל. רש"י שטעלט זיך, אז דער אייבערשטער האט נישט גערעדט צו יודען פונעם הימל, אין פסוק (שמות יט-כ) שטייט, וירד ה' על הר סיני, אז דער אייבערשטער איז אראפגעקומען אויפן בארג סיני, און ער האט אונז געגעבן די תורה. זאגט רש"י, אזביידע זענען אמת. דער אייבערשטער האט גענומען דעם שמים, און ער האט עס אראפגעבערענגט אויפ'ן בארג סיני, און אזוי האט ער געגעבן פאר אונז די תורה. עס איז געווען מן השמים דברתי עמכם, פון הימל, אבער דער הימל איז אראפגעקומען אויפן בארג סיני, און אזוי האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה.

**און** עס דארף האבן א ביאור, לא עבד קוב"ה ניסא למגנא, דער אייבערשטער מאכט נישט קיין ניסים אומזיסט, וואס איז די סיבה, אז מען האט גענומען דעם הימל, און מען האט עס אראפברענגט דא אויפן בארג סיני, און אזוי געגעבן די תורה. דער באשעפער האט געקענט געבן די תורה פון הימל אליין, און יעדער וואלט געקענט הערן דעם אייבערשטן'ס קול מן השמים. און אויב דער אייבערשטער וויל אראפקומען אויף די וועלט, קען ער געבן די תורה פונעם בארג סיני. דער באשעפער האט משלב געווען, ער האט גענומען דעם שמים און אראפגעברענגט אויפן ארץ, און אזוי האט ער געגעבן די תורה.

**עס** שטייט אין פרקי דרבי אליעזר (פרק מא), אז יודען זענען נישט געווען גרייט אויף קבלת התורה. מען האט זיך געלייגט שלאפן א נאכט פריער, און צופרי איז מען פארשלאפן ביז צוויי שעה אינעם טאג, ביז משה רבינו איז געגאנגען אויפוועקן יודען צו מתן תורה. כביכול דער אייבערשטער איז אראפגעקומען, און יודען זענען נישט געווען ביים בארג סיני, און מען האט געדארפט ארויספירן יודען צו קבלת התורה. ויוצא משה את העם (שמות יט-יז), מען האט געדארפט ארויסנעמען יודען צום בארג סיני. און איינע פון די טעמים, פארוואס מען איז אויף שבועות ביינאכט איז, כדי מתקן צו זיין דאס וואס איז געווען דעמאלטס.

**עס** איז א געוואלדיגע פלא, יודען זענען גרייט פאר מתן תורה, מען האט זיך געבענקט צו מתן תורה, מען האלט שוין נאך דריי טאג, שלשת ימי הגבלה, מיט א פרישה, און יעדער שלאפט? עס איז נישטא קיין זקנים, עס איז נישטא קיין ערליכע יודען וואס זענען אויף א גאנצע נאכט, און זיי קענען נישט איסווארטן פאר מתן תורה, אז זיי זאלן אויפוועקן דעם גאנצען ציבור. יעדער איז פארשלאפן, נאר משה רבינו, איין מענטש איז אויף, און ער דארף גיין אויפוועקן

יעדן איינעם? מוז דאך על כרחך זיין, אז עס איז געווען א סיבה מן השמים פארוואס דער אייבערשטער האט אראפגעברענגט א שלאף אויף יודען, אז יעדער זאל פארשלאפן, און משה רבינו זאל זיי ארויסברענגען לקראת האלקים. וואס ליגט אין דעם?

**בפשטות**, א מענטש מיינט, אז כדי מקיים זיין דעם רצון ה', מקבל זיין די תורה, דארף מען צו זיין דערהויבן, מען דארף צו זיין א אדם חשוב, עס זאל זיין חשוב זיין עבודה פארן אייבערשטן. מען דארף האבן צו דעם הכנות, זיך צוצוגרייטן, [און עס דארף טאקע אזוי זיין], אבער אמאל ווען ער איז נישט צוגעקומען דערצו, קען ער עס נעמען פאר זיך פאר א תירוץ, 'איך בין נאך נישט צוגעגרייט צו אזא סארט עבודה', און עס איז אים גענוג אויף זיך צו פארענטפערן, אז ער דארף עס נישט טון, ווייל עס פעלט אים די הכנה.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **בני יששכר** (בהקדמת ספרו **דרך פיקודיך**), אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה (אבות ב-ד), א מענטש קען זאגן, 'לכשאפנה', קודם וועל איך מיך אויסריינינגן, איך וועל אוועקנעמען אלע פסולת וואס איז דא אין מיר, און נאכדעם 'אשנה', נאכדעם וועל איך זיך זעצען לערנען. ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי (תהלים נ-טז). 'אל תאמר', זאג נישט, 'לכשאפנה אשנה', ווען איך וועל זיין גרייט, דעמאלטס וועל איך אנהייבן צו טון די עבודה, 'שמא לא תפנה', דו קענסט קיינמאל נישט וויסן, ווען דו ווערסט פערטיג ווערן. א גאנץ לעבן קען אסאך מאל אדורכגיין מיטן לכשאפנה אשנה, אז ווען איך וועל האבן א געלעגנהייט, דעמאלטס וועל איך ממשיך זיין אין לימוד התורה.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט וויזן, אפילו ווען מען שטייט אויף פון בעט, מען האט זיך נישט גערישט, און מען איז נישט געווען צוגעגרייט צו מתן תורה, פון דעסטוועגן דאך קען מען באקומען די תורה אפילו אויף אזא אופן אויך. אפילו א מענטש איז נישט צוגעגרייט, עס פעלט אים די הכנה דערצו, און ער איז נישט געווען מזומן אויף מקבל צו זיין די תורה, האט דער אייבערשטער זיי געצווינגען, כפה עליהם הר כגיגית, עס איז נישט קיין תירוץ, צו א מענטש איז יא גרייט, צו ער איז נישט גרייט, צו ער איז אין א הויכע מדריגה, צו ער איז אין א קלענערע מדריגה, קבלת התורה דארף זיין אויף יעדן אופן.

**די** הימל ווערט אנגערופן שמים, ווייל דער באשעפער האט גענומען פייער, און ער האט גענומען וואסער, און פון דעם האט ער צוזאמגעשטעלט דעם הימל. דער שמים האט אין זיך ביידע, אש ומים. פייער מיט וואסער דאס איז צוויי קעגנגעזעצטע זאכן, פייער מיט וואסער קענען נישט זיין צוזאמען, איינס לעשט אויס דאס אנדערע, אבער אז דער אייבערשטער וויל, איז עושה שלום במרומיו, האט דער אייבערשטער געמאכט שלום אויבן אין הימל, ער האט גענומען די אש און די מים, און ער האט זיי צוזאמגעשטעלט צוזאמען. און אזוי בעהט מען, אז דער אייבערשטער זאל מאכן שלום אויף אונז. פארוואס ביי די הימל האט דער אייבערשטער צוזאמגענומען אש מיט מים, און אזוי האט ער עס באשאפן, און די ערד האט ער באשאפען נאר פון א דומם.

**מים** ווייסט מען דאך, דאס ווייזט אויף ענוה. די נאטור פון וואסער איז, אז עס גייט אראפ. מים איז מניחים מקום גבוה, עס לאזט איבער א הויך פלאץ, און וואו עס איז דא א נידריגער פלאץ, גייט אראפ די וואסער (תענית ז.). פייער איז פונקט פארקערט אין נאטור, פייער גייט קיינמאל נישט אראפ, פייער גייט אייביג אויף ארויף. קומט אויס, אז דער אש און דער מים זענען צוויי קעגנזייטיגע נאטורן. דער מים איז ענוה, ער זוכט אייביג דאס נידריגסטע, און דער אש איז קיינמאל נישט צופרידן ווי ער איז, ער וויל גיין נאך העכער.

**ווען** עס קומט צו עניני שמים, עס קומט צו תורה און עבודת ה', אוודאי איז זייער חשוב די מדה פון מים, אז א יוד דארף זיין בענוה און שפלות רוח, און האבן אין זיך די מדה פון וואסער. מען דארף אבער אויך האבן ויגבה לבו בדרכי ה', אפילו מען

איז נישט גרייט, אפילו מען איז נישט אין דעם מצב אז מען זאל זאגן, יעצט האב איך א רוהיגן קאפ, יעצט האב איך א רוהיגן דעת, יעצט פיל איך מיך געגוג ערליך, אז איך זאל קענען זיין א עבד פארן אייבערשטן. אפילו עס פעלט דיר, פון דעסטוועגן דאך דארף א יוד האבן שטענדיג די מדה פון אש, אייביג זיך דערהייבן, ויגבה לבו בדרכי ה', דאס איז אונזער מעלה, מיר האבן א נשמה א חלק אלקי ממעל, און דער אייבערשטער איז מרוצה פון די עבודה פון יעדן יוד, און וועגן דעם האט ער אים באשאפן. דער מענטש איז באשאפן געווארן נאר לעשות רצון קונו. אז דער אייבערשטער האט דיך באשאפן, איז א סימן אז פון דיר קען ארויסקומען א כבוד שמים.

**ווען** עס קומט צו שמים, האט דער אייבערשטער געוויזן, אז מען דארף האבןביידע מדות, אש ומים. פון איין זייט דארף מען האבן די מדה פון מים, די מדה פון ענוה, און פון די אנדערע זייט דארף מען האבן אש, ויגבה לבו בדרכי ה'. און עס איז נישט קיין סתירה, דער זעלבער מענטש, פון איין זייט קען ער האבן אין זיך די מדה פון ענוה בתכלית השפלות, והאיש משה עניו מאד מכל האדם (במדבר יב-ג), און פון די אנדערע זייט, די השתוקקות וואס ער האט געהאט צו ווערן נאך העכער און נאך העכער, איז ער געווען אין די בחינה פון אש.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יודען, האט ער גענומען דעם שמים, און ער האט דאס אראפגעברענגט דא אהער אויף די ערד. איך געב ענק טאקע די תורה, אבער איך געב ענק נישט די תורה אזוי ווי די מדה פון ארץ, נאר איך געב ענק די תורה מן השמים, פון אש ומים צוזאמען, צו ווייזן אז אזוי דארף מען דינען דעם אייבערשטן. פון איין זייט דארף זיין די מדה פון ענוה און שפלות רוח, און פון די אנדערע זייט קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט וויפיל מען האט, נאר פרובירן צו שטייגן העכער און העכער.

**א** בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות, א יונג קינד, ביז יעצט איז ער נישט געווען מחויב מיט קיין מצות, א טאג פריער איז ער נאך געווען א קטן, ער איז נאך געווען קליין, דעם אנדערן טאג ווערט ער מחויב אין אלע תרי"ג מצות התורה. עס פעלט די ריכטיגע הכנה, אז מען זאל קענען אריינגיין אין אזא קבלת התורה פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט. אבער דאס האט דער אייבערשטער געוויזן ביי קבלת התורה, אז אפילו פון בעט קען מען אויפשטיין און צוגיין צו קבלת התורה, עס איז נישט קיין חילוק די הכנה וואס איז געווען פארדעם. אוודאי ווי מער מען גרייט זיך צו, ווערט אלץ די עבודה א שענערע און א העכערע עבודה, אבער עס פטר'ט נישט דעם מענטש פון עבודת ה', ווייל ער איז נישט צוגעגרייט דערצו. צו מען איז יא דערביי, צו מען איז נישט דערביי, דארף מען יעדן טאג דינען דעם אייבערשטן די זעלבע. יעדן טאג ליינען קריאת שמע, און דאווענען און לערנען, טון וואס מען דארף צו טון, און דאס איז די הכנה וואס א יוד דארף טון, ווען ער קומט אריין אין עול המצות. זיך אראפלערנען פון קבלת התורה, אש ומים, שטענדיג האבן די מדה פון אש, א השתוקקות צו שטייגן העכער און העכער.

**דער** בר מצוה בחור ב"ה זיצט און לערנט פלייסיג, ער האט ביז יעצט אויסגענוצט די צייט, זאל אים דער אייבערשטער געבן וויטער אויך, אז ער זאל קענען שטייגן אין תורה ויראת שמים, און די עלטערן און די זיידעס זאלן זעהן אסאך שמחות און נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער און אייניקלעך. און פאר אונז אלע זאל דער אייבערשטער געבן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, מיר זאלן קענען מקבל זיין דעם יום יום טוב מתוך שמחה וטוב לבב, און זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת במדבר – ראש חודש סיון***

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** ביחד עם תלמידי הישיבה גדולה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הלויה של **כ"ק הגה"צ אב"ד מאטערסדארף זצ"ל**, שהתקיים לפני בית מדרשו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הדינער לטובת מוסדותינו הק' בבארא פארק, שהתקיים באולם די לעגעסי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז מיר א כבוד צו באגריסן די אלע חשובע תומכי תורה, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען מחזק זיין דעם מוסד דא אין בארא פארק, סיי די תלמוד תורה, און סיי די מיידל שולע. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך טון מצות ומעשים טובים.

**מיר** האלטן פאר דעם יום טוב פון שבועות, דער זמן פון קבלת התורה. יעדער יוד גייט נאכאמאל אדורך דעם ענין יעדעס יאר ווען עס קומט די צייט, יעדער איד איז מקבל אויף זיך דעם עול התורה, מיט א פרישן חיות, און מיט א פרישן חשק, צו גיין בדרכי ה'.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא ויגש ב), אז בשעת דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר יודען, האט ער געפרעגט, ווער וועט זיין דער ערב פאר די תורה. ווען מען בארגט געלט פאר א צווייטן, פרעגט מען אים, ווער גאראנטירט עס. האבן יודען געענטפערט, אונזערע עלטערן וועלן זיין די ערבים אויף אונז. דער אייבערשטער האט נישט אנגענומען די תשובה, עס איז נישט גענוג א שטארקער ערב. האבן יודען געענטפערט, בנינו, אונזערע קינדער, וועלן זיין אונזערע ערבים. האט דער אייבערשטער געזאגט, דאס איז א גוטער ערב. ער האט אנגענומען די קינדער פאר ערבות פאר קבלת התורה, שנאמר (תהלים ח-ג) 'מפי עוללים ויונקים', דאס זענען די קינדער, 'יסדת עוז', אין עוז אלא תורה (שהש"ר ב-י), מיר האבן באקומען די תורה, בתנאי אז אונזערע קינדער זענען די ערבים.

**די** מפרשים שטעלן זיך, וואס מיינט דאס אז דער אייבערשטער דארף א ערב, און וואס מיינט דאס, אז אונזערע קינדער זענען ערבים? מען רעדט דא פון עונשים, דער אייבערשטער קען מעניש זיין דעם מענטש אליין אויך, ער דארף נישט האבן די קינדער פאר ערבים. עס מוז דאך זיין אז עס ליגט דא עפעס וואס לערנט אונז א זאך וואס איז נוגע צו קבלת התורה.

**איך** האב געזעהן שטיין אין **מהר"ם שיק** (על מסכת אבות), די משנה (אבות ג-א) זאגט, הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עברה. אויב א מענטש וויל זיך היטן, אז ער זאל נישט צוקומען צו א עבירה, זאל ער קוקן אויף דריי זאכן. דע מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון. די משנה איז מפרש, מאין באת, מטפה סרוחה. ולאן אתה הולך, למקום עפר רמה ותולעה. ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. זאגט דער הייליגער **מהר"ם שיק**, אז א מענטש וויל זיך האלטן ערליך, און ער האט נסיונות, ווי דער סדר איז, מען איז באשאפן געווארן מיט א יצר הרע, און הבלי עולם הזה וואס טוען פארפירן דעם מענטש. וואס איז דער חיזוק וואס א מענטש קען זיך נעמען, כדי צו גיין בדרכי התורה? האט ער געזאגט, איינס, א מענטש דארף קוקן שטענדיג פון וואס פארא שטוב ער קומט. מיר האבן אלע געהאט עלטערן וואס האבן געהאט מסירת נפש פאר תורה, אמת'דיגע מסירת נפש פאר תורה. דער פריערדיגער דור, אונזערע עלטערן, אונזערע זיידעס, האבן געהאט אזויפיל מסירת נפש אין די שווערע צייטן וואס איז געווען. אין די טעג איז געווען דער חורבן פון די יודישע קהילות, און ווען עס איז אדורכגעגאנגען, האט מען געדארפט אויפבויען א נייעם מקום פון תורה, אין אמעריקא, אין א ארץ לא זרוע, בעירום ובחוסר כל, מען האט געבויט די מוסדות התורה ממש מיט די צען פינגערס. און אשרי חלקם פון די יודען וואס האבן צוגעהאלפן, און זיי האבן אויפגעשטעלט יודישקייט דא אין אמעריקא. על כל פנים, יעדער פון אונז האט געהאט א ערליכע טאטע און מאמע וואס האבן נאר געשטרעבט אויף תורה.

**ווען** א מענטש גייט אוועק פון זייערע וועגן, טוט ער אפהאקן דעם שלשלת וואס עס איז דא פון די פריער'דיגע דורות. עס איז דא א שלשלת, א לאנגע קייט, וואס ציהט זיך פון אברהם אבינו, יצחק אבינו, יעקב אבינו, די י"ב שבטי י-ה, און אלע דורות שפעטער האבן צוגעלייגט נאך א רינגעלע אין די קייט פון די אבות. ווען א מענטש האקט זיך אפ פון תורה, צוברעכט ער די קייט, ער שטעלט נישט ווייטער צו, אז ער איז אויך א חלק אין דעם שלשלת הקדושה. - ווען א מענטש איז זיך מתבונן פון וואס פארא שטוב ער קומט, פון וואס פארא אבות ער קומט, און ער וועט יעצט צוברעכן דאס וואס די עלטערן האבן געבויט, טוט עס אים צוריקהאלטן, ער זאל נישט זינדיגן.

**עס** איז דא נאך א זאך, וואס טוט צוריקהאלטן דעם מענטשן צו זינדיגן, זיינע דורות. יעדער מענטש ווי אזוי ער איז, איז ער. אבער יעדער וויל אז זיינע קינדער זאלן אויסוואקסן די שענסטע וואס איז שייך אין כלל ישראל. די קינדער זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים, די טעכטער זאלן אויסוואקסן ערליכע אידישע מאמעס. ער פאר זיך אליין, וואלט אסאך מאל מוותר געווען, ער האט נישט די כוחות הנפש דערצו, אבער וויפיל האלט זיך א מענטש צוריק פון טון זאכן וואס ער וואלט יא געוואלט טון, אבער ער וויל נישט אז זיינע קינדער זאלן אזוי זיין, און ער וויל נישט אז זיינע קינדער זאלען עס זעהן. דאס וואס ער קוקט אויף זיינע דורות שפעטער, אז עס זאל זיך ווייטער אנהאלטן, דאס גיט א געוואלדיגן חיזוק פאר א מענטש, אז ער זאל גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**עס** איז מיר פונקט היינט אויסגעקומען צו זעהן (בספר **דחזיתיה לרבי מאיר**), א מעשה פונעם **בריסקער רב זצ"ל, רבי וועלוועלע,** [ווען איך לייג זיך אראפ, נעם איך אלץ א ספר, תולדות פון פריער'דיגע גדולי ישראל. און איך זאג ענק אז מען קען זייער אסאך נוצן, דאס וואס מען לערנט זיך און מען קוקט ווי אזוי פריער'דיגע גדולי ישראל האבן זיך געפירט. זייערע מדות טובות, זייער אהבת התורה, עס ברענגט א געוואלדיגן יראת שמים פאר יעדן איינעם]. אז עס איז געווען א מלמד וואס האט זיך זייער געפלאגט אין פרנסה. בימים ההם איז נישט געווען קיין פרנסה אין ארץ ישראל, און ער האט זיך זייער געפלאגט מיט זיין מלומדת. מען האט נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן געהעריג דאס געהאלט, און ווען מען האט שוין יא געצאלט, איז עס געווען זייער ווייניג. ער האט געהאט א ברודער אין געיטסעד, און דער ברודער האט אים גערופן, אז עס איז פריי געווארן א מלומדת פאסטן אין געיטסעד, און ער ראהט אים, אז ער זאל אהינקומען, דארט וועט ער האבן פרנסה בהרחבה. איז ער אריינגעגאנגען צום **בריסקער רב**, און ער האט אים געזאגט, דא פלאג איך זיך מיט פרנסה, און מען טראגט מיר אן א פאסטן דארט אין געיטסהעד, צו ער גיט אים א הסכמה, אז ער קען אוועקפארן.

**פרעגט** אים דער **בריסקער רב**, וואו לערנען דא דיינע קינדער? האט ער געענטפערט אין 'עץ חיים', עס איז געווען זייער א חשובע תלמוד תורה בימים ההם. וואו לערנען דיינע טעכטער? אין 'בנות ירושלים'. זאגט אים דער **בריסקער רב**, דו זאלסט וויסן, געיטסעד האט נישט קיין 'עץ חיים' און עס האט נישט קיין 'בנות ירושלים'. ווי איינער זאגט, דו גייסט אהין וואוינען, זאלסטו וויסן, אז דו געבסט אויף דיינע קינדער, זיי וועלן נישט האבן דעם זעלבן חינוך ווי זיי האבן דא. זאגט ער פארן **בריסקער רב**, איך פארשטיי, אבער איך האב דאך נישט קיין פרנסה דא, אפשר זאל איך גיין אננעמען די מלומדת דארטן, איך וועל לאזן דא די משפחה ביז זיי וועלן אויפוואקסן, און פון צייט צו צייט וועל איך אהיימקומען, עס איז דאך נישט אזוי ווייט פון ארץ ישראל, און איך וועל האבן דארטן מיין פרנסה. האט אים דער **בריסקער רב** געזאגט, אויב דו גייסט אהין, וועט דיין משפחה נאכקומען נאך דיר. עס וועט נישט בלייבן אזוי, אז דו וועסט אהין גיין, און זיי וועלן בלייבן אין ארץ ישראל. און עס האט זיך געענדיגט דער שמועס, און ער איז געבליבן אין ארץ ישראל. - דאס איז טייטש, אז א מענטש רעכנט זיך מיט די קינדער. ער האט

אויפגעגעבן א פרנסה, אויפגעגעבן וואס ער האט געקענט צוקומען דארטן, ווייל אן 'עץ חיים' וועט ער נישט האבן דארט, און קיין 'בנות ירושלים'" וועט ער נישט האבן דארט.

**עס** איז נוגע היינט אויך. **מענטשן גייען ארויס פון די שטאט, אסאך מאל מאכט מען נישט די ריכטיגע חשבונות, מען קוקט נאר צו די דירה וועט זיין גרעסער, צו די דירה וועט זיין קלענער. מען מאכט נישט די ריכטיגע חשבונות, צו מען וועט האבן דארטן אן 'עץ חיים', צו מען וועט האבן דארטן א 'בנות ירושלים', ווי אזוי זיין בית המדרש וועט אויסקוקן.** מען דארף אלעס נעמען אין חשבון, וועגן די דורות שפעטער, וויסן צו מען גייט אויפן ריכטיגן וועג.

**נאכדעם** זאגט דער **מהר"ם שיק**, די דריטע זאך איז, די עצם זאך פאר דיר אליין. פארגעס פון דיין טאטע, פארגעס פון דיינע קינדער, א מענטש וועט אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם וואס מען טוט. דאס אליין דארף מעורר זיין דעם מענטש צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**הסתכל** בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. דע מאין באת, די ערשטע קוק אויף דיינע עלטערן, קוק פון וואו דו קומסט, קוק וואס פארא שיינע גאלדענע קייט עס איז צוזאמגעשטעלט געווארן ביז דיין דור, ווילסטו דאס צוברעכן?! ווילסטו זיין א חלק אין דעם שלשלת צו נישט. ווען דו וועסט זיך מתבונן זיין מאין באת, פון וואו דו קומסט, וועסטו זיך צוריקהאלטן פון אן עבירה. די צווייטע זאך זאלסטו קוקן, ולאן אתה הולך. אויב דו וועסט אוועקגיין פון דעם ריכטיגן וועג, וואס וועט זיין מיט דיינע קינדער. דו האסט דאך קינדער און אייניקלעך, דו ווילסט אויפשטעלן קינדער מיט אייניקלעך וואס זאלן אוועקגיין פון דעם ריכטיגן וועג?! מען ווייסט דאך אז די דורות פאלן, א אינטש וואס א מענטש לאזט נאך, איז ביי די קינדער צוויי אינטשעס, צו דריי אינטשעס. מען פאלט דאך פון וואס מען איז געווען אין די פריערדיגע דורות. אויב דו וועסט זיך מתבונן זיין, ולאן אתה הולך, וואו די עבירה וועט דיך פירן, וועסטו זיך צוריקהאלטן און דו וועסט נישט זינדיגן. דריטענס, פאר זיך אליין, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, א מענטש דארף מאכן א חשבון פאר זיך אליין, פאר וועם וועט ער אפגעבן א דין וחשבון אויף אלעם וואס ער האט געטון.

**ווען** דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, האט דער באשעפער געבעטן פון אונז ערבות. וואס איז אונזער גאראנטי' אז מיר וועלן האלטן די תורה? עטץ ווייסט דאך וואס דער מענטש איז, מען האט געוואוינט אין מצרים, מען האט געזעהן ערות הארץ, און מען גייט יעצט מקבל זיין די תורה, א שווערע תורה, תרי"ג מצות התורה, האט דער אייבערשטער געפרעגט, וואס איז ענקער גאראנטי' אז עטץ וועטס ענק האלטן צו די תורה? אויב מען וועט זיך נישט האלטן צו די תורה, איז א שאד צו געבן די תורה. כדי צובאקומען עונשים אויף דעם וואס מען איז עובר, דארף מען נישט קיין קבלת התורה. קבלת התורה איז נאר אז מען איז גרייט אז מען וועט קענען אויספירן וואס עס שטייט אין די תורה.

**האבן** יודען געענטפערט, אונזערע עלטערן וועלן זיין אונזערע ערבים. מיר וועלן שטענדיג צוריק קוקן אויף אונזערע עלטערן, ווי אזוי זיי האבן זיך געפירט, מיר וועלן נישט צוברעכן דעם גאלדענעם קייט וואס מיר ציען פון אברהם יצחק ויעקב ביז היינט. אונזערע אבות האבן געהאט מסירת נפש אויף תורה. פאר מתן תורה האבן זיי שוין עוסק געווען אין אלע מצות התורה, מיר וועלן גיין צוברעכן וואס זיי האבן מקבל געווען? אבותינו, אונזערע עלטערן, וועלן זיין פאר אונז ערבים. האט דער אייבערשטער געזאגט, ניין, עס איז מיר נישט גענוג אז די עלטערן זאלן זיין ערבים, מען האט שוין געהערט אזאנס. ער ווייסט אז זיין טאטע איז א וואוילער איד, און מיט דעם אלעם רעכנט ער זיך נישט דערמיט. מיין טאטע האט זיך אזוי געפירט, איך קען זיך פירן אנדערש, איך קען גיין אין א צווייטן וועג. עס איז נישט גענוג די ערבות פון די עלטערן.

**האבן** יודען געזאגט די צווייטע עצה, בנינו וועלן זיין ערבים. אלע ווילן האבן גוטע קינדער! אלע ווילן האבן קינדער וואס זאלן זיך פירן ערליך און גיין בדרכי התורה! דאס איז אונזער ערבות. אז מען גיט אריין א קינד אין א תלמוד תורה, צו אין א מיידל שולע, וואו מען לייגט אריין ערליכקייט, תורה און יראת שמים, דאס איז נישט נאר אז מען האט גוטע קינדער, נאר דאס איז פאר אונז אליין, דאס איז אונזער ערבות! **מיר ווען זיך פירן גוט, ווייל קיינער וויל נישט אז די קינדער זאל אים אראפקוקן, און זאגן פארוואס טוסטו אזוי און אזוי, מען האט דאך געלערנט אין חדר אז מען דארף טון אנדערש. צו אין שולע האבן מיר געלערנט, אז מען דארף גיין אזוי און אזוי אנגעטון, און די מאמע גייט נישט אזוי אנגעטון.** - דאס איז נישט נאר נוגע פאר די קינדער, אז אונזערע קינדער וועלן זיין ערבים פאר אונז, נאר אויך אז 'מיר' זאלן זיך פירן אויפן ריכטיגן וועג.

**איך** דארף נישט רימען די מוסדות, נישט די תלמוד תורה און נישט די מיידל שולע. די תלמוד תורה ווייסט יעדער איינער, מען קוקט נאר אן די מלמדים וואס זיצן דא אויבן, זעהט מען וויפיל אהבת תורה עס ווערט אריינגעלייגט אין די תלמידים. איך האב אייניקלעך אין דעם תלמוד תורה, איך בין ב"ה אויסערגעוועונליך צופרידן מיט וואס זיי באקומען דארט. עס איז אנגעפולט יעדע וואך מיט די ביכל וואס מען ברענגט אהיים. און אונזער מיידל שולע איז גארנישט אונטערשטעליג אין דעם, מען לייגט אריין געוואלדיגע אהבת תורה אין די קינדער, עס לאזט זיך גארנישט זאגן, ווי אזוי אין היינטיגן דור וואס צניעות איז אזוי אראפגעריסן, מיט די אטמאספער פון די שטובער, מיט די טעלעפאנען היינט, און ביי אונז אין סקול איז דא תקנות דערויף, וואס מען האלט זיך צו דעם, עס איז נישטא קיין טעלעפאון'ס נאר וואס די סקול אליין גיט ארויס, וואס די מיידלעך קענען נוצן, און אזוי ווייטער, וואס מען שטעלט זיך אויף יעדען פרט ופרט. וואס איז שייך אין יודישקייט, האלט מען זיך נישט צוריק, און מען איז מעורר דערויף. עס איז בנינו ערבים!

**און** אז מען האט די זכיה צו שטיצן אין היינטיגע דורות, ערליכע יודישע מקומות, ערליכע יודישע פלעצער וואו מען איז מחנך ערליך יודישע קינדער, ווי חשוב איז דאס! עס איז א פראכט פארן כלל ישראל! עס איז אשרי העולם שאומה זו בתוכה. אין די היינטיגע וועלט, וואס די גאסן זענען אזוי אראפגעריסן, ווערן קינדער נתחנך אויפן אלטן וועג, מען זיצט און מען לערנט תורה. מען איז מחנך מיידלעך אז זיי זאלן נישט נאכגיין נאך די מאדע וואס איז דא אין די וועלט, נאר מען זאל זיך פירן שיין און ערליך בצניעות.

**עס** קאסט זייער אסאך געלט דאס אויסצוהאלטן, אין הקומץ משביע את הארי, מיט דעם וואס עלטערן צאלן שכר לימוד, ווערט נישט אויסגעצאלט אפילו א חלק פון די קאסטן וואס עס פעלט אויס. יעדער יוד וואס האט א חלק דערין, האט א געוואלדיגען זכות הרבים, מען טוט אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות, ערליכע יודישע מאמעס פארן קומענדיגן דור. מען האלט יעצט ביים בויען אינעם מיידל סקול, עס ציהט אריין אין גרויסע געלטער, עס איז א געוואלדיגע זכות ווער עס נעמט א חלק דערין.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. וואו עס איז דא תורה, איז דא אלעס. עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, תורה ברענגט צו אריכות ימים, תורה ברענגט צו עושר וכבוד. און עס איז נישט נאר פאר די לומדי תורה, נאר אויך די מחזיקי תורה האבן דעם זעלבן חלק דערין. בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), עס שטייט אין חז"ל (ב"ר צט-ט) אז לעתיד לבוא וועלן די בעלי כסף זיצן צוזאמען מיט די בעלי חכמה. זאלן מיר אלע זוכה זיין צו זעהן שמחות ונחת ביי אונזערע קינדער, און קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך מסר שיחת הכנה לקראת חג השבועות הממשמש ובא, והתפלל שם תפלת מנחה.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** גמרא (פסחים סח:) זאגט, הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, יעדער איז מודה אז ווען עס קומט שבועות דארף מען זיך פרייען. יום שניתנה בו תורה הוא, אין דעם טאג האט מען מקבל געווען די תורה. עס איז א שמחה פאר אונז, אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו. שלא עשנו כגויי הארצות, ולא שמנו כמשפחות האדמה, שלא שם חלקנו כהם. מיר זענען גליקליך, אז מיר קוקן נישט אויס ווי דער גוי אויף די גאס. דער גוי אויף די גאס איז נישט בגדר אנושי, די גמרא (יבמות סא.) זאגט אויף אים, אז ער איז אפילו נישט קיין אדם. און אונז האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן, מיר זענען מקיים תורה ומצותיה, מיר קענען טוהן א נחת רוח פארן אייבערשטן, וואס די גאנצע תכלית פון דעם לעבן איז נאר זיך צו צוגרייטן, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-כא), שטייגן אין תורה און עבודת ה', און צוקומען צום עולם הבא.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדעס יאר אין יום טוב פון שבועות ווערט נתעורר דער ענין פון מתן תורה ביי יעדן יוד. אלעס וואס יודן זענען אדורך געגאנגען אין יום המיוחס, דער טאג וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, אז ער נעמט אונז פאר א פאלק. און נאכדעם די שלשת ימי הגבלה, וואס מען האט זיך צוגעגרייט צו מתן תורה, דאס איז יעדעס יאר די זעלבע. שבועות קען מען זוכה זיין, מקבל צו זיין די תורה פון דאסניי. ווען עס קומט דער יום טוב פון שבועות, דארף יעדער מענטש מאכן א פאר מינוט חשבון הנפש ביי זיך. וואו האלט איך אויף דער וועלט, וואו בין איך אין תורה, וויפיל בין איך אנגעקומען, וואס קען איך טוהן, און וואס דארף איך צו טוהן. וויפיל קען איך נאך שטייגן, און נעמען אויף זיך עול התורה.

**מען** ליינט רות, יעדער ווייסט די מעשה פון רות, נעמי האט געהאט צוויי שנורן, ערפה מיט רות. די מענער זענען געשטארבן, און זיי זענען געבליבן אליין. נעמי האט געוואלט צוריק גיין קיין ארץ ישראל, און די צוויי שנורן האבן געוואלט מיטגיין מיט איר. זיי האבןביידע געשטאמט פון מואב, און זיי זענען געווען בנות מלכים, טעכטער פון קעניגליכע שטובער, און זיי האבן געוואלט צוריק גיין צוזאמען מיט נעמי און זיך מגייר זיין. און נעמי האט געזאגט פאר די צוויי שנורן, גייט'ס ענק יעדער אהיים. אזוי איז די הלכה (יבמות מז:), אז ווען איינער וויל זיך מגייר זיין, דארף מען אים אפרעדן פון זיך מגייר זיין. עטץ זאלטס וויסן אז ווען עטץ וועטס קומען קיין ארץ ישראל, וועט עטץ נישט קענען חתונה האבן צו א יוד, ווייל אפילו מען איז זיך מגייר איז די הלכה, לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' (דברים כג-ד), איינער וואס שטאמט פון מואב קען נישט חתונה האבן מיט א ישראל. דעמאלטס האט מען נאך נישט געוואוסט די הלכה, אז דאס איז נאר ביי די זכרים, אבער מיט די נקבות מעג מען יא חתונה האבן, ווייל מען דרשנ'ט, מואבי, ולא מואבית. האט זי געזאגט, עטץ וועטס נישט קענען טרעפן א שידוך, אפילו עטץ וועטס ענק מגייר זיין, ממילא גייטץ ענק צוריק קיין מואב. 'ותשנה קולן ותבכינה עוד', האבן זיי ביידע אויפגעהויבן דעם קול, און זיי האבן געוויינט. 'ותישק ערפה לחמותה', ערפה האט געגעבן א קוש פאר נעמי, א גוטן טאג, און זי איז אהיים געגאנגען, 'ורות דבקה בה' (רות א-יד), און רות האט זיך מדבק געווען אין נעמי.

**זאגט** נעמי פאר רות, 'הנה שבה יבמתך אל עמה ואל אלוהיה', דיין שוועגערין איז צוריק געגאנגען צו איר פאלק, און צו איר אפגאט, 'שובי אחרי יבמתך', גיי איר נאך. האט רות געזאגט, בעהט מיך נישט, איך גיי דיך נישט איבערלאזן. וואו דו וועסט גיין וועל איך גיין, וואו דו וועסט שלאפן וועל איך שלאפן. ווען נעמי האט געזעהן כי מתאמצת ללכת אתה, האט זי אויפגעהערט צו מוטשען. און רות האט זיך מגייר געווען, און זי האט שפעטער חתונה געהאט מיט בועז, און פון בועז איז

ארויסגעקומען שפעטער דוד המלך. גאנץ מלכות בית דוד, ביז מלך המשיח, שטאמט אלעס פון רות.

**אין** מדרש (רות רבה ב-כא) שטייט, ווען ערפה האט איבערגעלאזט די שוויגער, און זי איז צוריק געגאנגען, האט נעמי געזאגט פאר רות, הנה שבה יבמתך אל עמה ואל אלהיה, זי איז צוריק געגאנגען צו איר פאלק, און צו איר עבודה זרה. זאגט די מדרש, כיון ששבה אל עמה, תיכף ווען זי איז צוריק געגאנגען צו איר פאלק, איז זי שבה אל אלהיה, איז זי צוריק געגאנגען צו איר עבודה זרה. א טאג פריער זאגט זי, אז זי וויל זיין א יוד, זי וויל זיך מגייר זיין, און ווען זי איז צוריק געגאנגען צו איר פאלק, איז שוין די ניגון עפעס אנדערש, תיכף ווען זי איז צוריק געגאנגען, איז זי צוריק געגאנגען צו איר עבודה זרה אויך. האסט דאך נעכטן געגלייבט אינעם אייבערשטן, האסט געוואלט מקבל זיין אויף דיר עול התורה והמצות, וואס איז געשעהן פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט. אפילו דו ביסט צוריק געגאנגען, דארפסטו שוין צוריק גיין אל אלהיה אויך? פארוואס כיון ששבה אל עמה, איז זי תיכף צוריק געגאנגען צו אלהיה?

**ווייל** הרבה חברותא עושה, זאגט די גמרא (סוטה ז.), חברותא מיינט זייער אסאך. ווילאנג ערפה איז געווען צוזאמען מיט נעמי און מיט רות, א גוטע שוויגער מיט א ערליכע שווועגערין, מען האט געוואוינט צוזאמען אינאיינעם, איז געווען ביי איר אזא תשוקה צו יודישקייט, אז זי איז גרייט געווען אויף גירות. נאר ווען מען האט איר אראפ געלייגט די שווועריקייטן, האט זי אויפגעגעבן. און תיכף ווען זי איז אוועק געגאנגען צוריק צו אן אנדערע סביבה, אל עמה, איז נישט נאר זי איז צוריק געגאנגען אל עמה, נאר זי איז אויך צוריק געגאנגען אל אלהיה, זי איז גראד צוריק געגאנגען צו איר עבודה זרה. **עס איז דא אסאך מאל מענטשן וואס האבן נישט דעם שטופ, זיי זאלן קענען גיין ווייטער, נאר ווען זיי געפינען זיך אין א גוטע חברותא. טאמער האט ער א שוואכע חברותא, איז ער זייער בויגזאם, און ער פאלט צוריק.** און דאס איז געווען ערפה. תיכף ווען עס איז געווען שבה אל עמה, זי איז צוריק געגאנגען צו איר פאלק, שבה אל אלהיה, איז זי צוריק געגאנגען צו איר גאט. רות איז געבליבן אין א יודישע סביבה, זי איז געבליבן צוזאמען מיט נעמי, זי איז ארויף געגאנגען קיין ארץ ישראל, איז זי געווארן אן אנדערע מענטש, און זי האט זיך מגייר געווען, און זי איז געווארן אמה של מלכות.

*

**אין** די גמרא (סוטה מב:) שטייט א דבר נפלא. די גמרא זאגט, אז ווען ערפה איז צוריקגעגאנגען, האט זי געגעבן א קיש פאר נעמי, און זי האט געוויינט. וויפיל האט זי געוויינט, זאגט די גמרא, אז פיר טרערן זענען ארויסגעקומען פון די אויגן פון ערפה. צוויי טרערן פון יעדן אויג. האט דער אייבערשטער איר געזאגט, פאר די פיר טרערן וואס דו האסט געוויינט, וועט ארויס קומען פון דיר פיר גיבורים, פיר שטארקע מענטשן. גלית ווייסט מען דאך איז געווען א גבור, און ער האט געשטאמט פון ערפה. דער אייבערשטער האט איר באצאלט פיר גבורים, פאר די פיר טרערן וואס זי האט געוויינט. - ווייל זי האט געוויינט ווען זי האט זיך געזעגנט פון די שוויגער מיט די שווועגערין, וועגן דעם באקומט מען שכר? ווען מען טוהט א מצוה באקומט מען א שכר, אבער אן א מצוה איז נישט דא קיין שכר. וואס איז די פיר גבורים וואס מען האט איר געגעבן, פאר די פיר טרערן וואס זי האט געוויינט? און פארוואס פונקט גבורים, געב איר עפעס אנדערש, זאל זי באקומען פיר הייזער. וואס עפעס האט זי באקומען פיר גבורים, פאר די פיר טרערן וואס זי האט געוויינט.

**עס** שטייט אין די מפרשים, אז עס איז דא אסאך מענטשען, וואס ווילן זיין גוט. מען וועט פרעגן איינעם, ווילסט זיין א תלמיד חכם? יא. מיינסט עס אמת'דיג? יא, איך מיין אמת'דיג. ווילסט זיין אן ערליכער איד? יא, איך וויל זיין ערליך, איך וויל שטייגן. נו פארוואס ביסטו נישט? ווייל איך האב א גרויסען יצר הרע, איך האב נישט די

כוחות זיך צו שלאגן. עס קומט מיר א שלעכטע מינוט, און איך האב נישט דעם כח צו זיין א גבור וואס איז כובש את יצרו (אבות ד-א), און אפילו בשעת ער טוהט די עבירה, איז ער אויך נישט דארט, און עס טוהט אים ווי פארוואס ער טוט עס, ער האט אבער נישט די כוחות הנפש זיך צאמצוקלויבן און זאגן, מיט אלע שוועריקייטן וואס איך האב, וויל איך ערגעץ אנקומען.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **בינה לעתים**, דוד המלך האט געזאגט פארן אייבערשטן, ה' נגדך כל תאותי, ואנחתי ממך לא נסתרה (תהלים לח-י). 'ה' נגדך כל תאותי', דו זעהסט אלע מיינע תאוות וואס איך גלוסט, אבער 'ואנחתי', דעם זיפץ וואס איך האב ווען איך טוה די תאווה, 'ממך לא נסתרה', דאס איז אויך נישט פון דיר באהאלטן. א מענטש גייט אסאך מאל נאך, נאך זיינע גלוסטונגען, אבער ער טוהט עס נישט ווייל ער וויל, נאר ער איז א געצווינגענער, ער קען זיך נישט באהערשן. און ער זאגט פארן רבונו של עולם, דו זעהסט דאך אויך מיין קרעכץ בשעת איך זינדיג.

**ערפה** האט געוואלט זיין גוט. זי האט געזאגט פאר נעמי, איך גיי מיט דיר, איך גיי זיך מגייר זיין. אבער ווען נעמי האט איר אנגעהויבן צו זאגן, זאלסט וויסן די שוועריקייטן, עס איז נישט אזוי פשוט, ווען דו וועסט ווערן א יוד וועסט נישט קענען טרעפן א שידוך, עס איז זייער שווער. עס איז דא שווערע הלכות, דא קען מען נישט גיין, דא קען מען נישט וואוינען, דא קען מען נישט זיין. אויף שוועריקייטן איז זי נישט געווען גרייט, און זי האט איבערגעלאזט נעמי, אין זי איז אוועק געגאנגען. און ווען זי איז אוועק געגאנגען, האט זי געלאזט פיר טרערן, די טרערן איז נישט געווען ווי מען געזעגנט זיך מיט יענעם און מען וויינט, נאר זי האט געוויינט אויף זיך אליין, ואנחתי ממך לא נסתרה. פארוואס גיי איך אוועק, פארוואס קען איך זיך נישט גובר זיין אויף מיין יצר, און איך זאל עס נעמען אויף מיר. איך פארשטיי דאך אז עס איז גוט צו זיין א איד, פארוואס קען איך זיך נישט גובר זיין אויף מיר אליין, און זיך באהערשן, איך זאל גיין ווייטער, און איך גיי אוועק, אויף דעם האט זי געוויינט. זי האט געלאזט פיר טרערן, פארוואס זי מאכט אזא באשלוס אוועק צו גיין פון יודישקייט.

**דער** אייבערשטער איז נישט מקפח שכר כל בריה, דער אייבערשטער באצאלט פאר יעדן איינעם. אויף יעדן טרער וואס זי האט געלאזט, האט דער אייבערשטער איר באצאלט שכר. ווייל די טרערן איז געווען וואס זי האט זיך מתמרמר געווען אויף איר מצב, פארוואס זי האט נישט די כוחות הנפש אנצוגיין דערמיט ווייטער. און אזוי ווי די טרערן זענען געקומען, פארוואס זי איז נישט קיין גבור וואס איז כובש את יצרו, אויף דעם האט זי געוויינט. ווייל דו האסט געוויינט אז דו ווילסט זיין א גבור, האט דער אייבערשטער געגעבן פאר איר, אז פיר גבורים זענען ארויסגעקומען פון איר, ווייל דער אייבערשטער איז נישט מקפח שכר כל בריה. די טרערן וואס זי האט געוויינט, איז געווען טרערן פון צובראכנקייט פארוואס זי קען זיך נישט מתגבר זיין.

**רות** איז געווען שטארק ביי זיך. זי האט געהערט דעם זעלבע פזמון וואס ערפה האט געהערט, די זעלבע דרשה האט זי געזאגט פארביידע. רות האט געזאגט, איך גיי אדורך גיין דעם גאנצען וועג. איך האב א רצון, איך וויל זיין אזוי, איך ווייס די שוועריקייטן וואס איז דא דערין, אבער איך וויל ערגעץ אנקומען, און איך קוק נישט אויף די אלע שוועריקייטן וואס איז דא דערין, איך גיי. ותרא כי מתאמצת היא ללכת, וואס עס וועט אדורך גיין, בין איך גרייט אדורך צו גיין, איך וויל זיך מחבר זיין מיט כלל ישראל. און ווייל זי האט געהאט די שטארקייט ביי זיך, האט מען פון ערפה פארגעסן, מיט די פיר טרערן וואס מען האט איר באצאלט שכר. אבער פון רות איז ארויסגעקומען דוד המלך, גאנץ מלכות בית דוד, אמה של מלכות, אלעס איז ארויסגעקומען פון רות.

**מען** לערנט די פרשה פון רות אין שבועות, זיי דיך מתבונן, קוק אן ערפה מיט רות. זיי זענען

געווען ביידע די זעלבע, ביידע האבן געהאט די זעלבע רצונות, זיי האבן געוואלט זיין גוט. פון דעסטוועגן דאך, ערפה האט נישט געהאט די כוחות הנפש, און זי האט זיך נישט געוואלט אנשטרענגען דערויף. אויב עס וועט קומען גרינג, בין איך עס גרייט צו טוהן. אויף שוועריקייטן בין איך נישט גרייט. קוק וואס איז אויסגעוואקסן פון ערפה, און קוק אן רות וואס האט גענומען אויף זיך די שוועריקייטן, וואו זי איז אנגעקומען.

**יעדער** וויל זיין גוט, יעדער וויל מקבל זיין עול תורה. און עס איז באמת אזוי, ער וואלט געוואלט זיין א תלמיד חכם. ער וואלט געוואלט וואקסן, ער וואלט געוואלט שטייגן און זיך פירן ערליך, אבער ווען עס קומט הלכה למעשה, האט ער נישט דעם שטארקייט צו זיך, צו גיין מיטן שוועריקייטן. **ווען מען וואלט גענומען אויף זיך מיט א אמת'דיגען רצון, איך וויל אנקומען ערגעץ, און איך גיי אלעס טוהן אנצוקומען אהין, וואלט ער אנגעקומען. מיר ברעכן אונטער זייער שנעל, תיכף ווען עס קומט די ערשטע שוועריקייט שטעלט מען זיך אפ, עס איז שווער, איך האב נישט קיין כח. איך זיץ שוין צו לאנג ביי די גמרא, דאס דאווענען איז שוין צו לאנג, עס ווערט אים שווער. און יא, עס איז שווער צו באקומען דעם שכר, וואס איז אומגלויבליך, פאר יעדע קלייניקייט וואס א יוד טוהט.** ער קען נישט, דאס איז ערפה. אבער רות האט נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, און זי איז צוגעקומען דערצו, אז זי האט שפעטער באקומען אזא געוואלדיגע שכר, אז זי איז געווארן אמה של מלכות.

*

**ווען** עס קומט שבועות, דארף מען מקבל זיין אויף זיך עול תורה. עס איז דא יעצט פיר טעג, פון ווען מען גייט אוועק פון ישיבה, פרייטאג, שבת, זונטאג, מאנטאג. א בחור דארף נעמען אויף זיך, וואס גיי איך אויפטוהן די פיר טאג. ער מוז יעצט קובע זיין א סדר הלימוד וואס ער וויל אנקומען אין די פיר טאג. עס קען זיין אלטע זאכן, עס קען זיין נייע זאכן, אבער אז מען גייט אן א סדר, וועט ער פון דעם שבועות גארנישט האבן. אז מען האט נישט קיין אויסגערעכנטע צייט, וואס איך וויל אנקומען אין די צייט, וואס פאר א לימוד איך וויל גומר זיין אין די צייט, וועט עס אדורך גיין מיט עסן קרעפלעך, און עסן דעלקעלעך וכדומה, עפעס אנדערש וועט נישט זיין. עס איז דא א שבת פאר דעם, וואס מען קען זיך גוט אויסשלאפן, צו דער לאנגער תיקון ליל שבועות. געווענליך איז מען מיד שבועות ביינאכט, אבער יעצט איז דאס אויך נישט קיין תירוץ, מען קען זיך אויסריען פאר דעם, און האבן א אויסגעריהטן תיקון ליל שבועות. אריינקומען אינעם יום טוב שבועות, אריינקומען צו קבלת התורה מיט א אמת'דיגע הכנה, ווי א יוד דארף צו זיין. מען דארף זיך מסדר זיין מיט א געוויסען לימוד וואס איך וויל אנקומען, איך וועל אויסנוצן מיינע פרייע צייטן, פון א גאנצע ערב שבועות. עס איז צען שעה פון מען שטייט אויף ביז עס ווערט נאכט, ער האט גארנישט וואס צו טוהן. די בלומען וועט מען איינקויפן אן אים אויך, און אלעס וואס פעלט אויס אין שטוב וועט אויך זיין. וויפיל קען מען קונה זיין, וויפיל קען מען אנקומען. שבת, און שבועות, דאס איז פיר טאג, ממש א האלבע וואך וואס מען קען קונה זיין תורה. אז מען מאכט זיך א סדר, דעמאלטס איז דער שבועות אן ערנסטער שבועות, און עס איז א זמן פון קבלת התורה. עס איז אן עקסטערע עת רצון אויבן אין הימל, וואס יעדער בחור קען נעמען אויף זיך דעם עול תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען זוכה זיין אנצוהאלטן דעם שבועות ווי עס דארף צו זיין. מקבל זיין אויף זיך צו גיין בדרכי התורה, נישט קוקן אויף די שוועריקייטן, עס איז כדאי. אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, ביסט א גליקליכער בחור, ווען א בחור גייט ארויס פון ישיבה א תלמיד חכם, אן ערליכער בחור, זענען זיינע שידוכים אנדערש, און זיין לעבן איז שפעטער אנדערש. עס איז אשריך בעולם הזה. און פון וטוב לך לעולם הבא דארף מען דאך נישט רעדן, וואס יעדער ווייסט, אז דער אייבערשטער איז

נישט מקפח שכר כל בריה. פאר די פיר טרערן וואס מען האט געוויינט, אז מען קען נישט זיין וואויל, האט דער אייבערשטער באצאלט שכר. און כל שכן ווען א מענטש וויינט, ווייל ער וויל זיין וואויל, ער פראבירט צו זיין וואויל, איז אוודאי די שכר דערפון זייער גרויס. זאלן מיר אלע האבן א פרייליכן לוסטיגן יום טוב, און מען זאל מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב.

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מסאמבור ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הדינער למוסדותנו הק', שהתקיים באולם וואלי טערעס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן דעם חשובן ציבור וואס זענען זיך צוזאמגעקומען תומך זיין די מוסדות דא אין מאנסי. איך וועל נישט מאריך זיין בשבחם פון די מוסדות, רובם ככולם דא, זענען עלטערן וואס זענען אליין מעיד אויף די שיינקייט, די ערליכקייט, די ווארימקייט וואס ווערט אריינגעגעבן אין די קינדער.

**מען** האט פריער גערעדט, פון דרך ארץ קדמה לתורה, אז פאר די תורה איז דא אן הקדמה 'דרך ארץ'. איך האב אמאל געזאגט, אז די גמרא (שבת פט.) זאגט, אז ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל, האט ער געזעהן ווי דער אייבערשטער איז יושב וקושר כתרים לאותיות, ער האט געשריבן די אותיות, און ער האט ארויפגעלייגט תגין אויף די אותיות פון די תורה. און משה רבינו האט נישט באגריסט דעם אייבערשטן. האט אים דער אייבערשטער געפרעגט, אין שלום בעירך, ביי ענק אין שטאט גריסט מען נישט, מען זאגט נישט קיין שלום. האט משה רבינו געענטפערט, עס פאסט נישט אז א עבד זאל מקדים זיין שלום לרבו, וועגן דעם האב איך נישט געגריסט. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דו וואלסט מיר אבער געדארפט זאגן, תחזקנו ידיך. דו זעהסט אז איך טוה א ארבעט, וואלסטו מיר געדארפט געבן א ברכה איך זאל האבן חיזוק. קומט אויס, אז פאר דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה דורך משה רבינו, האט ער אים קודם געלערנט הלכות דרך ארץ, אז מען דארף זאגן שלום עליך, און ווען מען זעהט יענער טוט אן ארבעט, דארף מען אים מחזק זיין. דרך ארץ קדמה לתורה, בעפאר מיר האבן נאך באקומען די תורה פונעם אייבערשטן, האט אונז דער אייבערשטער שוין געלערנט דרך ארץ.

**און** דאס איז די חשיבות פון די תלמוד תורה, מען לערנט אויס מדות טובות, ערליכקייט, און דער עיקר לימוד התורה. דער חשוב'ער מנהל רוחני לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אינעם תלמוד תורה. די חשובי מרביצי תורה, די מלמדים, וואס יעדער איינער קען זעהן, הכרת פניהם ענתה ביראת ה' וואס איז חופף על פניהם. דער חשובער מנהל גשמי ר' יוחנן אליעזר זאל זיין געזונט, אלע לייגן אריין אויסערגעווענליכע כוחות מחזק צו זיין דעם מוסד.

*

**דער** מנהג איז, און עס ווערט צוגעברענגט אין שלחן ערוך (או"ח סימן תצד), אז שבועות פלעגט מען אויסשפרייטן גראז אין די שטובער, און אין די שולען. בפשטות איז דער טעם, ווייל ביים בארג סיני איז געווען גראז, אזוי שטייט אין פסוק (שמות לד-ג), גם הצאן והבקר אל ירעו אל מול ההר ההוא, מאכט מען א רמז ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט ביי מתן תורה, וואס עס איז געווען גראז.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך אן ענין. מען געפונט ביי משה רבינו, ווען דער אייבערשטער האט אים אויסגעקליבן אז ער זאל זיין דער גואל ישראל, און שפעטער זאל ער געבן די תורה פאר יודען, הייבט די תורה אן (שמות ג-א), ומשה היה רועה את צאן יתרו חותנו כהן מדין, משה רבינו האט געפאשעט די שעף פון זיין שווער, וינהג את הצאן אחר המדבר, און ער האט דעמאלטס

געזעהן די ערשטע התגלות פונעם אייבערשטן, די מראה פונעם סנה. משה רבינו איז געווען א רועה צאן, און ער האט עס גענומען, ווייל אונזערע אבות זענען אויך אזוי געווען. די שבטי י-ה זענען געווען רועה צאן, אזוי שטייט אין פסוק (בראשית לז-יב), אז די ברודערס פון יוסף זענען געגאנגען לרעות את צאן אביהם, זיי האבן זיך אפגעגעבן מיט פאשען שעף אויף די פעלדער.

**אין** די ראשונים שטייט, פארוואס האבן די אבות, און שפעטער משה רבינו, אויסגעקליבן די ארבעט פון זיין א רועה צאן? ווייל א מענטש ווערט נשפע פון זיינע חברים ארום און ארום. וואו א מענטש וואוינט, וואו ער דרייט זיך, מאכט עס אן השפעה אויף אים ווי אזוי ער זאל זיך פירן. אז מען דרייט זיך צווישן ערליכע יודען, פירט מען זיך ערליך, און אז מען דרייט זיך מיט רשעים, ווערט מען שפעטער אויך נמשך נאך זיי. די מעשים פון א מענטש ווערט נמשך, די דיעה די השקפה פון א מענטש ווערט געטוישט, לויטן ארום און ארום. אזוי שטייט אין **רמב"ם** (הל' דעות ו-א), דרך בריתו של אדם איז אזוי. וועגן דעם זאגט דער **רמב"ם**, דארף א מענטש אוועקגיין פון א פלאץ וואו עס וואוינען רשעים, און זיך אויסקלויבן א פלאץ וואו עס וואוינען נאר ערליכע יודען, און דארט גיין וואוינען. און טאמער עס איז נישט דא קיין פלאץ וואו עס איז דא ערליכע יודען, כמו בזמנינו [אזוי איז דער לשון פון רמב"ם], זאל מען גיין וואוינען אין א מדבר, פאר זיך אליין, כדי מען זאל נישט נשפע ווערן פון די סביבה ארום און ארום.

**עס** שטייט אין די ראשונים, די שבטי י-ה האבן געלעבט א זייער שיין ערליך לעבן, פאר זיך. עס איז געווען א לעבן פון ערליכקייט, תורה, ועבודת ה'. אין די גאנצע וועלט איז נישט געווען קיין שומרי תורה דעמאלטס, עס איז נאר געווען איין שטוב, אברהם, יצחק, יעקב, מיט די קינדער וואס זיי האבן זיך אזוי געפירט. וואס האבן זיי געזעהן ווען מען איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס? עובדי עבודה זרה, וואס זענען עובר אויף אלע איסורים וואס איז דא אין די תורה. האבן זיי געזוכט א פלאץ וואו זיי זאלן זיך נישט דארפן דרייען צוזאמען מיט דעם ישוב, וואו מענטשן וואוינען. שעף דארף מען פאשען אינדרויסן אויף די פעלדער, זענען זיי ארויסגעגאנגען אין א מדבר, אפגעזינדערט פונעם ציבור, און אז מען איז שטארק עקסטער פאר זיך, קען מען זיך האלטן מיט די ערליכקייט. זיי האבן געוואלט בלייבן ערליך, זיי האבן געוואלט האבן די בחינה וואס מען האט מקבל געווען פון יעקב אבינו, האבן זיי זיך אפגעזונדערט פון די וועלט ארום און ארום. מען האט געדארפט וואוינען אויף א פלאץ וואו עס איז דא א ישוב, אבער דעם טאג האבן זיי נישט אנגעברענגט דארט אין די שטאט, נאר זיי זענען ארויסגעגאנגען פאשען אינדרויסן אויפן פעלד, נאכדעם איז מען אהיימגעקומען.

**משה** רבינו האט זיך אפגעזונדערט פונעם כלל ישראל, ער האט געדארפט אנטלויפן פון מצרים, ער איז געווען אין מדין, דער שווער איז געווען א כהן מדין, א עובד עבודה זרה. האט משה רבינו זיך גענומען, היה רועה את צאן יתרו חותנו, ער האט גראד גענומען אויף זיך די ארבעט, ער וויל פאשען די שעף, כדי ער זאל קענען ארויסגיין אין א מדבר, ביים הר אלקים חרבה, אויף א פלאץ וואס איז חרוב, וואו עס נישט דא קיין מענטש וואס דרייען זיך דארטן, און דארט קען ער נתעלה ווערן. און ער איז טאקע נתעלה געווארן. ווייל ער האט געהאט א מקום וואס איז געווען הימל און ערד און גראז, עפעס אנדערש איז נישט געווען אינעם מדבר, איז ער אזוי נתעלה געווארן.

**בשעת** מיר זענען מקבל די תורה שבועות, שפרייט מען אויס גראז אויף די ערד, צו מאכן א רמז, זיך צו דערמאנען, אז מיר האבן באקומען די תורה דורך משה רבינו. ווי אזוי האט משה רבינו זוכה געווען אז ער איז געווען אזוי גרויס, און ער האט זיך נישט אפגעלערנט פונעם דור ארום ארום? ווייל ער איז געווען א רועה צאן, ער האט געטון מיט די שעף, דאס איז געווען זיין ארבעט, וואו ער האט געקענט האבן א געלעגנהייט אוועקצוגיין פון די שטאט און זיין פאר זיך

עקסטער, האט ער עס אויסגענוצט, און אזוי האט ער זוכה געווען מקבל צו זיין די תורה.

**מען** קען זיך נישט אפזונדערן פון די וועלט, מען וואוינט דאך אין א ישוב. אבער אונזערע בתי כנסיות, אונזערע בתי מדרשות, אונזערע תלמוד תורה'ס וואו אונז שטעל מיר אוועק אונזערע קינדער, דאס איז דער מדבר וואס איז דא היינט אין די וועלט. אין די ד' אמות של הלכה, דארט איז די שכינה שורה, דארט איז דער עיקר מקום ווי א יוד קען זיך דערהייבן. און עס איז א געוואלדיגע חשיבות אז מען טוט מחזיק זיין א מקום פון תורה, וואס דארט ווערן נתחנך יודישע קינדער צו לערנען, און צו זיין אפגעזונדערט פון די וועלט.

*

**מען** געפינט ביי מתן תורה נאך א דבר פלא. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, הגבל את ההר וקדשתו, מען האט געדארפט מאכן א גבול ארום דעם בארג סיני, א גדר צו וויסן וואו מען מעג יא גיין און וואו מען טאר נישט גיין. אין פסוק (שמות יט-יב) שטייט, והגבלת את העם סביב לאמר, השמרו לכם עלות בהר. זאגט רש"י, לאמר, אז דער גבול האט גערעדט, און עס האט ארויסגעגעבן א קול, גייטס נישט פון דא און ווייטער. ווען מען איז אנגעקומען צום גבול, איז ארויסגעקומען א קול פון די ערד, אז מען זאל נישט גיין ווייטער.

**און** עס איז א געוואלדיגע פלא. מען מאכט א גאנצען עסק פון דעם פי האתון וואס האט גערעדט צו בלעם, אז עס האט געדארפט זיין א בריאה חדשה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין ששת ימי בראשית. פון די עשרה דברים וואס איז באשאפן געווארן ערב שבת בין השמשות, איז דער פי האתון, אז א בהמה זאל קענען רעדן (אבות ה-ט). כאטש א בהמה פון א מענטש איז נישט אזוי ווייט. וואס איז דער גאנצער דיפערענץ פון א מענטש צו א בהמה, נאר דער חלק אז דער מענטש רעדט און א בהמה נישט, אבער אין אנדערע זאכן איז דער מענטש אויסגעשטעלט אזוי ווי די בהמה. און אז די בהמה האט זיך אביסל דערהויבן, עס האט געקענט רעדן, איז עס א גאנצער עסק. און אז א דומם, ערד, הייבט אן צו רעדן, איז דאך אסאך א גרעסערער נס ווי דער פי האתון וואס האט גערעדט, און מען מאכט גארנישט קיין עסק דערפון, אז א דומם האט אנגעהויבן צו רעדן?

**די** מפרשים ענטפערן דערויף, אז די קשיא איז נישט שווער. ווייל אוודאי דא אויף די וועלט קען א דומם נישט רעדן, אבער אין הימל איז אנדערש אויסגעשטעלט פון וואס איז דא. אין הימל איז דא אנדערע טבעיות פון דעם וואס איז דא אויף די וועלט. ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה האט דער אייבערשטער גענומען דעם הימל, און ער האט עס אראפגעברענגט אויפן בארג סיני. אזוי זאגט רש"י (כ-יט), אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם, פון הימל האב איך גערעדט, און אין אנדערן פסוק שטייט (יט-כ) וירד ה' על הר סיני, אז דער אייבערשטער איז אראפגעקומען אויפן בארג. זאגן חז"ל אז דער אייבערשטער האט גענומען דעם הימל, און ער האט עס אראפגעברענגט אויף דער ערד, און אזוי האט ער געגעבן די תורה. און אז דער בארג סיני איז הימל, אין הימל, קען ערד אויך רעדן, איז נישט אזא גרויסע פלא אז עס האט גערעדט. אבער דער פי האתון פון בלעם אז עס זאל רעדן, דאס איז געווען א פלא. ווען מען רעדט פון א זאך וואס איז געטליך ארום און ארום, איז אנדערש.

**עס** קען זיין א רמז דערויף, פארוואס האט דער אייבערשטער טאקע אזוי געמאכט, אז דער גבול זאל רעדן. לא עביד קוב"ה ניסא למגנא, דער אייבערשטער מאכט נישט קיין ניסים אומזיסט. עס שטייט אין די גמרא (תענית יא.), אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די אלע מצות התורה. אויב א מענטש וועט פרעגן, מי מעיד בי, ווער וועט עדות זאגן אויף מיר, צו איך האב זיך געפירט ערליך צו נישט. זאגט די גמרא, אבני ביתו של אדם וקורות ביתו של אדם, די שטיינער וואס איז דא ביי אים אינדערהיים, די האלץ פון די באלקאנס וועלן רעדן ביום הדין,

און זיי וועלן מעיד זיין אויפן מענטש וואס דער מענטש האט געטון. שנאמר, אזוי שטייט אין פסוק (חבקוק ב-יא) כי אבן מקיר תזעק, וכפיס מעץ יעננה. דער שטיין וואס עס איז דא אין די וואנט וועט שרייען, עס וועט אויסרופן אויפן מענטש, דו האסט געטון אזוי און אזוי. דער עץ וואס איז דא אין דעם קורה וועט מעיד זיין, מען קען זיך נישט באהאלטן פונעם רבונו של עולם, אם יסתר איש במסתרים, ואני לא אראנה, נאום ה' (ירמיה כג-כד). וואו א מענטש איז, אפילו קיינער איז נישט געווען דארטן, וועלן די ווענט רעדן, און זיי וועלן מעיד זיין אויף אים.

**איך** האב געזעהן אמאל א שיין דבר צחות פונעם **סאטמארער רב זצ"ל**. אמאליגע צייטן איז געווען א פירצה, אז די בעטן אין שטוב זענען געווען נאנט איינס צו דאס אנדערע, און ער האט מעורר געווען אויף דעם, האט ער געזאגט, אז די גמרא זאגט, אז לעתיד לבוא וועלן די שטיינער מעיד זיין, און דער דאך וועט מעיד זיין. האט ער געפרעגט, פארוואס זאגט נישט די גמרא, אז די בעטן וואס איז דא אין שטוב וועלן אויך מעיד זיין. עס איז דאך א שטוב וואו מען שלאפט, וועלן דאך די בעטן מעיד זיין? האט ער געזאגט, אמאל איז אבער דא וואס די בעטן זענען "קרובים", זענען זיי פסול לעדות... איז נאר די אבנים און די קורות, די קענען מעיד זיין.

**ווען** א מענטש וועט פרעגן, קען דען א שטיין רעדן. א מענטש קען רעדן, אבער א דומם קען נישט רעדן. האט דער אייבערשטער געמאכט בשעת ער האט אונז געגעבן די תורה, אז דער גבול זאל רעדן. צו ווייזן, אז א שטיק ערד קען אויך רעדן. בשעת מיר זענען מקבל די תורה, זאל מען וויסן אז מען קען זיך נישט באהאלטן פונעם אייבערשטן. וואו מען איז, איז דא וואס רעדן. אפילו אויף די וועלט קען מען נישט הערן דעם קול, אבער אויבן אין הימל קען א דומם אויך רעדן. - און דאס איז וואס מען איז מחנך יודישע קינדער צו ערליכקייט, אז יראת ה' זאל זיין חופף על פניהם, וויסן אז מען קען זיך נישט באהאלטן פונעם אייבערשטן, און וואו מען איז דארף מען דינען דעם אייבערשטן, און וואו מען איז דארף מען זיך פירן מ'יט די זעלבע ערליכקייט, ווי אזוי מען פירט זיך ברבים, אזוי דארף מען זיך פירן אין שטוב. - עס איז א געוואלדיגע זכות אין די היינטיגע שווערע זמנים, אז מען איז מחזיק תורה, און מען האלט אויף אזעלכע מוסדות התורה, איך קען נישט משער זיין דעם געוואלדיגן זכות וואס מען האט אין דעם.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. דער באשעפער זאל געבן פאר די אלע וואס טוען צוהעלפן צו תורה, תורה האט אין זיך א ברכה פון אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, אריכות ימים ושנים, און שפע מיט ברכה אין אלעם וואס מען דארף צו האבן. מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער מיט א רוהיגקייט, עס זאל גארנישט פעלן אין שטוב, די קינדער זאלן קענען פילן, אז די שטוב, דאס איז זייער היים, דאס איז זייער פלאץ וואו זיי באקומען אלעס וואס זיי דארפן צו האבן, מען זאל זיך נישט זוכן קיין גליקן אין דער פרעמד. זאל דער באשעפער געבן, מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת במדבר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם געלב** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בפרשת קבלת התורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת **כ"ק הגה"צ אב"ד מאטערסדארף זצ"ל**.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי דוד ישראל וויס זצ"ל** אב"ד קאמינקא.

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביקור אצל ש"ב **הגה"צ רבי יחיאל גרינוואלד שליט"א** אב"ד טעטש.

***מתוך השיחה:***

**אב"ד טעטש:** די וואך איז דעם טאטנ'ס (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) יארצייט.

**רבינו:** יא שבת. עס איז דעמאלטס אויך אויסגעפאלען אזוי, ערב שבועות איז געווען שבת.

**אב"ד טעטש:** דער שווער (**הגה"צ רבי יהושע העשיל דייטש זצ"ל** אב"ד פריימאן) האט געלערנט מיטן זיידען (**הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצ"ל** דומ"ץ מאקאווא בעמח"ס **אהבת חיים**) **מהרי"ט אלגזי** אויף מסכת בכורות, און די באבע האט אריינגעברענגט פארטאגס קאווע מיט א צוקער'ל. און זי האט געזאגט, אדער קען מען האבן א קאווע, אדער קען מען האבן א שטיקל צוקער, צוויי זאכן קען מען נישט האבן... - און פון דעסטוועגן דאך האט מען געלערנט.

**רבינו:** דעם זיידענס שטוב וואו ער האט געלערנט, האט מען נישט געהייצט גאנץ ווינטער. מען קען עס נישט פארשטיין. עס איז נישט געווען אזעלכע דירות ווי דאהי, און עס איז געווען קעלטער ווי דאהי. און א גאנצע וואך איז ער געשלאפן אין דעם ספרים שטוב, און זיך איבערגעדעקט מיט א מאנטעל.

ער האט פארציילט, אז מען האט אמאל אריינגעברענגט פארטאגס קאווע מיט צוקער,ביידע צוזאמען, און דער זיידע האט אזוי געהאלטן אינמיטן לערנען די גמרא, און ער רופט זיך אן מיט אזא גמרא ניגון, אז עס איז שוין דא קאווע, וואס דארף מען נאך צוקער?!

**אב"ד טעטש:** דער שווער האט געהאט אזא ליבשאפט צום טאטן, ממש ווי צוויי ברודערס (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** היה חתן **הגה"ק דומ"ץ מאקאווא זצ"ל**).

**רבינו:** דער טאטע האט געשווערצט די גרעניץ צו זיין ביי דעם שווער'ס חתונה. עס איז געווען נאך די קריג, און ער איז געווען אין אונגארן, און די חתונה איז געווען אין רומעניא, און מען האט נישט געקענט אדורכגיין, האט ער געשווערצט די גרעניץ.

ווען איך האב חתונה געמאכט מיין טאכטער (שמחת נישואי **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**, י"ט שבט תשמ"ט), איז דער שווער געקומען צו די חתונה, און ער זאגט מיר, איך האב זיך היינט אראפגעלייגט, איך בין געווען זייער שוואך, און דער טאטע איז געקומען צו מיר אין חלום, און ער האט מיר געזאגט, איך האב זיך געשווערצט די גרעניץ צו דיין חתונה, און איך מאך היינט חתונה א אייניקל, און דו ביסט דא? האב איך זיך אויפגעהויבן, און איך בין געקומען צו די חתונה.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת במדבר***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית באולם עטרת חי'. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל** (ב"ר ישראל) **וויינשטאק** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט פאר מתן תורה, עס שטייט אין די גמרא (שבת פח.) בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע, זענען אראפגעקומען מלאכים, און זיי האבן קושר געווען פאר יעדן יוד שני כתרים, איינס אקעגן נעשה און איינס אקעגן נשמע. די וועלט פרעגט אויף דעם א קשיא, פארוואס איז די גמרא מקדים, בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע, ווייל מען האט מקדים געווען נעשה פאר נשמע. די נקודה איז דאך נישט ווייל מען האט מקדים געווען נעשה פאר נשמע, נאר ווייל מען האט געזאגט נעשה און נשמע, קומט א כתר פאר נעשה, און א כתר פאר נשמע. אויב עס איז דא נאך א מעלה אז זיי האבן מקדים געווען נעשה לנשמע, וואלט געדארפט זיין דריי כתרים, איינס פאר נעשה, און איינס פאר נשמע,

און איינס פארדעם וואס מען האט מקדים געווען נעשה פאר נשמע. פארוואס זאגט די גמרא, ווייל מען האט מקדים געווען נעשה פאר נשמע, האט מען באקומען צוויי כתרים. - און וואס איז טאקע די חשיבות פון הקדימו ישראל נעשה לנשמע, אז מען האט מקדים געווען נעשה פאר נשמע.

**די** פשט דערפון איז, ווען מען טראגט אן פאר יענעם א געשעפט, זאגט מען אים, איך האב פאר דיר א געשעפט, דו ווילסט אריינגיין דערין? זאגט ער אים צוריק, לאמיר קודם הערן וואס איז די געשעפט וואס דו ביסט מציע, און נאכדעם וועל איך איבערטראכטען צו עס איז פאסיג פאר מיר צו נישט. דאס איז ווען עס קומט א פרעמדער, און טראגט עס אן. אבער ווען א טאטע קומט צו א קינד, און ער זאגט אים, איך האב פאר דיר זייער א גוט געשעפט, ביסטו מסכים אריינצוגיין דערין. ער דארף נישט פרעגן וואס און ווען, נאר ער ענטפערט, יא, איך וועל אריינגיין דערין, זאג מיר נאר, וואס דער געשעפט איז.

**ווען** יודען וואלטן געזאגט קודם נשמע און נאכדעם נעשה, איז דער טייטש, אז דער אייבערשטער זאגט איך וויל ענק געבן די תורה, און יודען זאגן, נשמע, לאמיר הערן וואס דער אייבערשטער זאגט, און נאכדעם נעשה, אויב איך וועל זיין צופרידן, וועלן מיר גיין ווייטער דערמיט. איז נשמע מיט נעשה נישט מער פון איין מעלה, לאמיר הערן וואס דו ווילסט, און מיר וועלן עס טון, פאר נשמע אליין קומט נישט קיין שום שכר. אבער ווען דער אייבערשטער זאגט איך וויל ענק געבן די תורה, און מען איז מקדים נעשה, מיר אינטערעסירט נישט וואס דער געשעפט איז, מיר זענען גרייט צו טון, און נאכדעם נשמע, וועלן מיר הערן וואס דו בעהעסטט פון מיר, איז נישט נאר אז עס ליגט א מעלה אינעם נעשה, איך בין גרייט צו טון, נאר עס ליגט אויך א מעלה אינעם נשמע, מיר זענען גרייט מקבל צו זיין וואס מען וועט אונז הייסען.

**ווען** יודען וואלטן ווען געזאגט נשמע, לאמיר קודם הערן, און נאכדעם נעשה, וואלט מען נאר באקומען דערויף איין כתר. דו האסט געהערט, און עס איז דיר געפאלען, האסו גענומען אויף דיר אז דו גייסט עס טון, באקומסטו א כתר פארן נעשה. אבער בשעה שהקדימו ישראל נעשה פאר נשמע, ווען יודען האבן מקדים געווען, אז בעפאר מיר גייען נאך הערן וואס מען וויל פון אונז, זענען מיר גרייט צו טון כל אשר דבר ה'. קומט א עקסטערע שכר אויף דעם וואס מען האט געזאגט אז מען איז גרייט צו טון, און נאכדעם קומט נאך א כתר פאר נשמע.

*

*__שבת קודש פרשת במדבר – ערב שבועות__*

**רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת המוספין, לרגל יומא דהילולא של אביו כ"ק **הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל ביום השבת. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד ההילולא.

בסעודת יום שבת קודש חילק **רבינו שליט"א** הסעודה לשנים, והתפלל מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר תפלת מנחה נטל ידיו שנית לסעודה שלישית.

בכניסת החג דרש **רבינו שליט"א** דרשת הכנה לחג מתן תורתנו, ודיבר בגודל מעלת כנסת ישראל בעמדם בהר סיני שיצאה נשמתן מגודל דביקות לקונם, והחיוב לזכור יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב, שאנו מתגעגעים לאותן הימים שגדלה אהבתו יתברך שמו אלינו ואהבתינו אליו, ישקני מנשיקות פיהו שדיבר עמנו פנים בפנים, עד שיצאה נשמות ישראל בכלות הנפש ממש.

והמשיך אמריו בענין עבודת האדם להיות שמח בחלקו, אשר בכל המצבים שיזמין לו ה', גם אם לא זכה להיות מחובשי בית המדרש תמיד, יבטל רצונו לרצון קונו, להגיע לשלימותו על הדרך שהכין לו ה'. ולזה כפה עליהם ההר והקיפם בעפר הארץ מכל צד, ליקח מוסר מעפר הארץ שרצתה לעשות רצון קונה (ב"ר ה-ח).

***יום ראשון פרשת נשא – א׳ דשבועות***

לפני קריאת התורה נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט״א** בקול רגש ומעורר הלבבות. – אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **יואל** (בּרא״ש) **פייערווערקער** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית ערך **רבינו שליט״א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר טעימה ממאכלי חלב וניגוני שמחה, השמיע **רבינו שליט״א** דברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה.

*

***יום שני פרשת נשא – ב׳ דשבועות***

אחר תפלת שחרית התקיים הכנסת ספר תורה שנכתבה על ידי הר״ר **יצחק** (בר״ש) **ווייס** הי״ו. הספר תורה יצא מביתו נאוה קודש של **רבינו שליט״א** (ברחוב ווילסאן סט.) והוכנס בריקודין של שמחה להיכל בית מדרשנו. עם הגעת הספר תורה בהיכל הבית המדרש, רקד **רבינו שליט״א** ריקודין נלהבים, בעוז ותעצומות, לכבודה של תורה. אחר כך נתכבדו קרובי המשפחה לרקוד עם הספר תורה. אחר שהוכנס הספר תורה לארון הקודש אמר **רבינו שליט״א** ׳לדוד מזמור׳ פסוק בפסוק. – אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד המאורע, **ורבינו שליט״א** השמיע דברי תורה.

בסעודת נעילת החג אחר זמן ממושך של זמירת ניגוני התעוררות, השמיע **רבינו שליט״א** מדברות קדשו בגודל מעלת ימי החג שעבודתינו להמשיכם על שאר ימות השנה, לקבל עול התורה ומצותיה בלי שום התחכמות, ולהזדרז בעבודת ה׳ וקיום מצותיו, אשר ענינים אלו נרמזים בפסוקי מגילת רות קוראים בחג השבועות.

עם סיום דברות הקודש עמד **רבינו שליט״א** לרקוד בניגוני שמחת התורה, וניגון לשנה הבאה בירושלים.

*

***יום שלישי פרשת נשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט״א** אצל החתונה של בת הר״ר **שלום פאללאק** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **אלטר ברוך מאיר לעווי** הי״ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל שמחת נישואי בן כ״ק **האדמו״ר מבאבוב שליט״א**, שהתקיים באולמי בעננעט פיעלד. **רבינו שליט״א** רקד בריקוד מיוחד עם **האדמו״ר מבאבוב שליט״א**, ואחר כך עם החתן והמחותנים.

*

***יום רביעי פרשת נשא***

אחר שחרית נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית בן הר״ר **חיים יהודא בראכפעלד** הי״ו (חתן הר״ר **יצחק שרגא גראס** הי״ו), שהתקיים בבית המדרש באבוב. אחר הברית הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך שימש **רבינו שליט״א** במוהלות אצל הברית של בן הר״ר **אלי׳ לערנער** הי״ו, שהתקיים בבית המדרש באבוב 45. אחר הברית הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה״ג רבי מאיר גרינוואלד שליט״א** דומ״ץ בק״ק פאפא (בן כ״ק **האדמו״ר מפאפא שליט״א**), להזמין את **רבינו שליט״א** לנישואי בתו בשעטומ״צ.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל המעמד הנהדר ׳הכתר והכבוד׳ לטובת כוללנו המפואר בב״פ, שנערך בתפארה בהיכל הכולל,

בעת גומרה של תורה, לימוד הל' טהרה (בשו"ע יו"ד ח"ב) שנלמד במסגרת הכולל, ועמדו על הבחן אצל הרבנים הגאונים שליט"א, ובראשם אצל **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, ודייני קהלתנו הק'.

במשך המעמד נשמעו דברים מאת: **הגה"צ דומ"ץ סקווירא ב"פ שליט"א, הגה"צ דומ"ץ וויען ב"פ** שליט"א, הראש הכולל **הרה"ג רבי שמחה אהרן** שטראהלי שליט"א. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה אנטייל צו נעמען ביי דעם סיום פונעם כולל. די חשוב'סטע ווינקל וואס אונזער קהילה פארמאגט, די שפיגל פון אונזער קהלה, זענען די בני תורה, וואס אויף זיי שטייט די וועלט. אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה (ברכות ח.), דער באשעפער האט נישט אין די גאנצע וועלט, נאר די ווינקלעך וואו מען זיצט און מען לערנט תורה. דער ראש הכולל לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אינעם כולל, און מען זעהט אזעלכע שיינע פירות יאר נאך יאר. עס איז מיר אויסגעקומען איך זאל רעדן מיט די יונגעלייט די הלכות וואס מען האט געלערנט, און עס איז באמת געווען א שעה פון א געוואלדיגען תענוג, צו זיצן און הערן ווי אזוי מען האט געענטפערט יעדער איינער זיין חלק וואס איז אים אויסגעקומען. אשרי חלקכם, אז מען האט זוכה געווען זיך משלים צו זיין אין אזא חשובע הלכה, און עס קענען על בוריה.

**עס** קומט אבער עקסטער א דאנק פאר די בני בית פון די אלע יונגעלייט. עס קומט נישט אן גרינג צו וואקסן אין תורה. תורה פארלאנגט אסאך יגיעה, די קאפ איז נישט אינדערהיים, די קאפ איז אין וואס מען לערנט. מען קען זיך נישט אפגעבן מיט די פרנסה אין שטוב, וויפיל עס וואלט אויסגעפעלט, און זיי זענען אלעס מקבל באהבה, ווייל זיי פרייען זיך אז ברוך ה' דער מאן זיצט און לערנט. **עס איז נישט נאר אז מען האט א מאן וואס זיצט און לערנט, נאר מען האט נאכדעם א שטוב פון תורה. די קינדער וואס ווערן נתחנך אין א שטוב וואו דער מאן זיצט און לערנט, זענען אנדערע סארט קינדער ווי פון אנדערע שטובער. און וואס טוהט נישט א מענטש פאר קינדער, די גאנצע עמל פון א מענטש איז דאך נאר פאר די דורות שפעטער. אמת מען פלאגט זיך ווען מען האט א מאן וואס זיצט און לערנט, אבער די תענוג וואס מען האט נאכדעם דערפון, דאס איז אין לשער, מען קען עס נישט באצאלן מיט קיין געלט דאס וואס מען איז זוכה שפעטער.** זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער זיין די ריכטיגע שותפים אין שטוב, צו קענען מרחיב זיין די גבולי קדושה.

*

**עס** איז אויך א מסיבה פאר די מחזיקי תורה, די וואך אין די פרשה איז אויסגערעכנט די קרבנות פון די נשיאים, און ביי יעדן שבט איז אויסגערעכנט די נאמען פון דעם נשיא. און דער **אור החיים הק'** דרש'נט ביי יעדע נשיא, אז אין זיין נאמען ליגט עפעס א נקודה וואס איז נוגע פאר דעם שבט. ווען ער קומט אן צו שבט זבולן, זאגט ער, שבט זבולן האט געהייסן דער נשיא 'אליאב בן חלן' (במדבר ז-כד). זאגט דער **אור החיים הק'**, זבולן איז דאך געווען דער שותף פאר יששכר, יששכר קען דאך נישט זיצן באהלה של תורה, נאר אויב עס איז דא א זבולן וואס טוט אים מחזיק זיין. שמח זבולן בצאתך ויששכר באהלך (דברים לג-יח), יששכר זיצט באהלה של תורה, און דער זבולן טוהט אים צוהעלפן ער זאל קענען לערנען.

**זאגט** דער הייליגער **אור החיים הק'**, דער זבולן ווערט גערעכנט אזוי ווי אן אב פאר דעם תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט. אזוי ווי א טאטע זארגט זיך פאר זיינע קינדער, אזוי זארגן זיי זיך פאר די תלמידי חכמים אז זיי זאלן זיצן און לערנען. 'אליאב', איז אלי אב, איך ווער גערעכנט אזוי ווי די אב פאר דעם יששכר, ווייל איך העלף ארויס פאר דעם יששכר ער זאל קענען זיצן און לערנען. כאשט 'בן חלן', איך בין עוסק אין חולין, איך זיץ נישט באהלה של תורה,

איך בין א בן חלן, איך בין אינדרויסן אויף די גאס, אין א פלאץ פון חולין, פון דעסטוועגן דאך, מיט דעם וואס איך בין מחזיק תורה, בין איך דער אב פאר דעם יששכר, ער זאל קענען זיצן און לערנען.

**אין** די גמרא (שבת קד.) שטייט, אז די דרדקי האבן גע'דרש'נט די א' ב'. און זיי האבן גע'דרש'נט אז א' ב' גייט ארויף אויף די לומדי תורה. אלף בינה, די וואס זיצן און לערנען. ג' ד', גייט ארויף אויף וואס טוהן מחזיק זיין, און טוהן חסד, גמול דלים. קומט אויס, אז אלף בית דאס ווייזט אויף די וואס לערנען. דער זבולון טוהט זיך אויף, אמת טאקע בן חלן, איך בין אינדרויסן אויף די גאס, און איך געבן זיך אפ מיט חולין, אבער איך בין זוכה אלי א"ב, איך האב די א' ב' אויך, איך האב דעם אלף בינה אויך. ווייל אז מען לערנט תורה, און מען האט איינער וואס טוהט אים צוהעלפן צום לערנען, טיילט מען זיך נאכדעם מיט די תורה וואס מען האט געלערנט. - עס איז נישט נאר א סיום פאר די בני תורה וואס האבן עס געלערנט, נאר עס איז אויך א סיום פאר די אלע וואס האבן מחזיק געווען, וואס זיי האבן אויך א חלק אין די תורה, איז ביי זיי אויך א יום טוב אז זיי האבן מסיים געווען יעצט א גאנצע הלכתא אין שולחן ערוך. עס איז אלי אב, כאטשיג איך בין א בן חלן, איך בין א בן חולין, פון דעסטוועגן דאך פארמאג איך אויך תורה. דורך דעם וואס מען איז מחזיק תורה, האט מען א חשיבות אזוי ווי די לומדי תורה.

**עס** איז דא די וואך א טייער ווארט פונעם **חתם סופר** (**בתורת משה** פ' נשא כז:), עס איז בדרך צחות, אבער עס איז כדי נאכצוזאגן. די פסוק (במדבר ה-י) זאגט, ואיש את קדשיו לו יהיו, איש אשר יתן לכהן, דער וואס וועט געבן זיין מעשר און תרומה פארן כהן, לו יהיה, וועט זיין צו אים. טייטשט רש"י, לו יהיה, ממון הרבה. איש אשר יתן לכהן, ווען א מענטש איז מחזיק דעם כהן, כהנים זענען געווען די וואס זענען יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל (דברים לג-י), ווען איינער גיט פאר תורה, דערלייגט ער נישט. לו יהיה, ער וועט האבן ממון הרבה, ער וועט האבן אסאך געלט.

תיכף נאכדעם איז די פרשה פון סוטה, וואו די תורה זאגט די הלכות פון א אשה א סוטה.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז א מענטש וויל ווערן אן עושר, איז דאך דא א עצה, הייב אן צו געבן געלט פאר לומדי תורה, ווער א מחזיק תורה, עשר תעשר (דברים יד-כה), עשר בשביל שתתעשר (תענית ט.), ובחנוני נא בזאת (מלאכי ג-י), זאגט דער פסוק, מען קען פראווון דעם אייבערשטן. ווען דו וועסט געבן צדקה, וועסטו זעהן אז דער אייבערשטער וועט דיר געבן הצלחה אין וואס דו טוהסט. קומט דאך אויס אז עס איז דא א עצה, ווען א מענטש וויל זוכה זיין צו עשירות, ער זאל מחזיק זיין תורה.

**עס** איז אבער דא נאך א עצה וואס מען קען טוהן, אז מען זאל זוכה זיין צו עשירות. די גמרא (בבא מציעא נט:) זאגט, אוקירו נשייכו כי היכי דתתעתרי, מען זאל מכבד זיין די ווייבער אין שטוב, כדי מען זאל ווערן א עושר. ווען א מאן איז מכבד זיין ווייב, ברענגט דאס עשירות. קומט אויס, פארוואס דארף איך אוועקגעבן געלט פארן כולל מען זאל לערנען, פאר דעם געלט וועל איך קויפן א שיינע דזושעלרי פאר די רעביצין, וועל איך אויך זוכה זיין צו די עשירות, אוקירי נשייכו כי היכי דתתעתרי. ער פארגעסט אבער, אז פון די שיינע דזשולערי וואס מען קויפט, קען נאכדעם ווערן א פרשה פון סוטה. מען ווייסט נישט וואו מען קומט אן שפעטער. האט די תורה צוזאמגעשטעלט די צוויי פרשיות צוזאמען. איש אשר יתן לכהן, לו יהיה ממון הרבה, ווען דו וועסט געבן פארן כהן, וועסטו האבן געלט. וועסטו דאך זאגן, איך האב אן אנדערע עצה אויך, וואס דארף איך געבן פארן כהן, איך וועלן עס געבן אין שטוב אריין, וועט אויך זיין עשירות. האט די תורה מסמיך געווען די פרשה פון סוטה, דו זאלסט וויסן, אז מען קען זיך אויך אפברייען פון דעם.

**מיר** גלייבן אין חז"ל, אז חז"ל זאגן, איש אשר יתן לכהן לו יהיה ממון הרבה, איז דאס די שענסטע ברכה וואס דער אייבערשטער קען געבן. מיט דעם וואס מען איז מחזיק תורה,

ניסט נאר מען פארדינט א מצוה פון מחזיק זיין תורה, נאר דער אייבערשטער באצאלט דאס אויף די וועלט אויך. זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל קענען ווייטער מחזיק זיין תורה, און קענען אויסהאלטן תורה. יונגעלייט וואס זיצן און לערנען, על פי רוב פון כולל געלט קען מען נישט אויסקומען, עס איז נאר אז דער טאטע מיטן שווער העלפן צו פון די זייט, אז מען זאל קענען לערנען. און נישט אייביג איז עס גרינג, אסאך מאל איז עס פארבינדן מיט א געוואלדיגע עול, מיט שוועריקייטן. מען דארף אבער געדענקען, דעם געוואלדיגן תכלית דערפון, מען שטעלט אויף אנדערע סארט קינדער און אנדערע אייניקלעך, אז מען האט קינדער וואס זענען בני תורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל זעהן אסאך שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. מען האלט דאך נאכן יום טוב פון שבועות, וואס יעדער האט מקבל געווען אויף זיך צו טון פאר תורה, אין דעם זכות זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זוכה זיין בקרוב ארויס צו גיין פון דעם גלות, בביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם יערמיאש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם זאב פריעד** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת נשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואלווירצבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אברהם שיף** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **קלמן פישער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. ואצל החופה של בן הר"ר **ישראל מרדכי וועקסלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יואל שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן **הרה"ג רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א** דומ"ץ צעהלים, עב"ג בת **הרה"ג אב"ד אילנוב שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש אילנוב.

*

***שבת קודש פרשת נשא***

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **יצחק אלחנן צבי** נ"ו, בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

אחר הקידוש השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של ש"ב בן הרה"ג **רבי צבי אלימלך פיש** שליט"א (חתן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.